STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06687

DOS IS DER EMES

Jacob Gora

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י ע ק ב   ג ו ר א / אָ ט אַ ו אַ

דאָס איז דער

אמת / אמת

הונדערט פּראָצענט

פאר וואָס איז דאָס געשען?

די דייטשן האָבן פון פאָראויס געוויסט אז זיי וועלן פירן די מלחמה מיט דער גאנצער וועלט און זיין פאָלק און מענטשן־מאטעריאל וועט זיין צו ווייניק. בלויז אין דער אדמיניסטראציע אין די געביטן וואָס זיי וועלן פארנעמען וועלן איינשלינגען גרויסע מאסן פון זייערע מענטשן און געוויסט האָבן זיי אז די פעלקער וואָס זייער פלאן צו פארנעמען ווי פוילן א.א., זיינען די מענטשן זייערע גרעסטע שונאים. האָבן זיי געוואָרפן אויף דעם מזבח דאָס אומשולדיק יידיש פאָלק מיטן אָנזאָג פון פרייען רויב פון יידיש פארמעגנס. מאָרד פון יידישן פאָלק; אזוי האָט ער די עלעמענטן אריינגעקריגן אין זיינען רייען פאראטנדיק זייערע אייגענע פעלקער און האָבן געדינט זייער ציל ווי זיי האָבן פון פריער פלאנירט און אויסגערעכנט.

דאָס היסטאָרישע בוך דארף זיך געפינען אין יעדן יידיש הויז
דאָס בוך דארף יעדער ייד לייענען — יעדער יידיש קינד דארף לייענען דאָס בוך, כדי גענוי צו וויסן פארוואָס היטלער ימ״ש האָט אומגעברענגט א דריטל פון אונדזער פאָלק — זעקס מיליאָן אומשולדיקע יידן.



DER EMES

THE TRUTH

Copyright 1966 by Jacob Gora

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1966

זכרון

מיין טייערער
אומפארגעסלעכער
פאמיליע
וואָס איז
אומגעקומען
אין טרעמבלינקער
גאז־קאמער
קרעמאטאָריעס
פון די מערדערישע
דייטשן
אומשולדיק

יעקב גורא

די זעקס מיליאָן קדושים דארפן זיך
נישט פארענטפערן פאר קיין מענטש
וואָס מען באשולדיקט אין לאָזן זיך
שעכטן ווי שעפסן.

די אומגעקומענע קדושים האָבן גענוג באצאָלט מיט זייער לעבן מען זאָל וועגן זיי אביסל אנדערש דענקען און בעסער זיי פארשטיין אז ביי די דייטשן זיינען נישט געווען קיין העלדן און נישט געקענט זיין. די אַלע וואָס שטעלן זיך פאָר פאר העלדן איז נישט אמת. דורך דעם יידישן פאָלקס־רויב מאָרד, האָבן די ראפינירטע דייטשן געמיינט צו געווינען די העגעמאָניע איבער דער וועלט.

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס דערשיינט מיט א פארשפעטיקונג, העכער צוואָנציק יאָר נאָך אונדזער גרויסן חורבן.

דאָס קליינע ווערק, אין קליינעם פאָרמאַט, זיינען קאַפּיטלען פון מיין גרויסן בוך, וואָס וועט דערשיינען אין אַ שפּעטערדיקן טערמין.

דער קליינער ספר, מיט זיין קאַלאָסאַלן אינהאַלט, ברענגט אַרויס גאַנץ גענוי יעדע איינצלהייט, אין די פילע הונדערט פּראָצענט, פון מיין פאַרשונג און דערפאַרונגען פון דער היטלער־תקופה, אָנהויבנדיק פון דער צייט ווען דער היטלעריזם מיט זיינע באַנדעס האָבן זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך און זיך גענומען, אָן אַ פאַרוואָס, ברוטאַל אומברענגען אונדזער פאָלק.

עס איז איבערהויפּט נישט דאָס, וואָס די גאַנצע וועלט־מענטשהייט פאַרשטייט און דענקט, עס ווייסט נאָר אַ געוויסער טייל פון דייטשן פאָלק, וואָס ציילט אַ סך מיליאָנען, גענוי דעם גרויסן סוד..

היטלער האָט אונדז אומגעבראַכט נישט דערפאַר ווייל ער האָט געפילט צו אונדז אַזאַ געפערלעכן האַס, אַז מען זאָל אונדז דערפאַר אומברענגען אַזוי ברוטאַל, מערדעריש, אומשולדיק.

דאָ האָבן געשפּילט אַ ראָל אַ גרעסערע צאָל אומשטענדן.

דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וועלט־פאַרנעם אין זיין פּראָגראַם, נישט בלויז אַ טייל פון דער וועלט, נאָר טאַקע די גאַנצע וועלט צו באַזיגן און פאַרנעמען.

און דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן זייער בעסט געווער: שטאַרקער פון אַן אַטאָם, שטאַרקער פון טאַנקן, סובמאַרינען, באָמבערס.

ביים פאַרכאַפּן איראָפּע אין אַזאַ קורצער צייט האָט טאַקע דאָס יידישע פאָלק געשפּילט די גרעסטע ראָל ביי די היטלער־באַנדעס. ווען נישט דער אַנטיסעמיטיזם, מיט דעם פרייען מאָרד און רויב פון די יידן, וואָס די היטלער־באַנדעס האָבן צוגעזאָגט באַלד ביי זייער געבוירן ווערן, פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט מיט אַזאַ געוואַלדיקן טעמפּאָ, וואָס הונדערטער טויזנטער פון אַלע נאַציעס, די דעגענעראַטן, מערדער, דעק־עלעמענטן, האָבן געוואַרט אויף דעם מיט אומגעדולד, — וואָלט היטלער קיינמאָל נישט געווען דער־גרייכט דאָס זייניקע.

אין יעדן לאַנד, וווּ נאָר די היטלער־באַנדעס האָבן אַריינגעשטעלט זייער פוס, — זיינען אים באַלד אַנטקעגנגעקומען הונדערטער טויזנטער פון דעם ערב־רב און אַריינגעטראָטן אין זיינע רייען, פאַראַטנדיק דאָס אייגענע לאַנד, נאַציע, פאָלק.

אָט די אַלע האָבן געוואַרט אויפן רויב און מאָרד פון יידישן פאָלק. די אינטעליגענץ פון יעדן לאַנד, ווו זיי האָבן אַריינגעמאַרשירט, האָבן די היט־

לעריסטן גלייך אין די ערשטע טעג פון אָקופּירן דאָס לאַנד, אומגעבראַכט, און די איבערגעבליבענע זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן דורך דעם גרויסן טעראָר פון די רויבער און פון די אייגענע פּאַרטעטער.

די היימישע פּאַרטעטער האָבן זיך געפונען אין כמעט יעדן הויז. זיי האָבן באַלד אָנגעטאָן די האַקנקרייצן אויף זייערע אָרעמס און זיי האָבן געהאַלטן די באַפעלקערונג אין גרעסטן שרעק.

אפילו אין די לענדער, ווו די היטלעריסן זיינען נאָך נישט געווען האָבן שוין אויף זיי, מיט אומגעדולד, געוואַרט טויזנטער פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַן אויג אויפן יידישן פאַרמעגן און יידישן רויב.

די דאָזיקע באַנדעס האָבן פּאַראַליזירט די מיליטער אַקציעס פון די היטלער־קעגנער, די וואָס האָבן געקעמפט קעגן די היטלער־האָרדעס.

די היטלער באַנדעס וואָלטן קיינמאָל נישט אזוי שנעל, און מעגלעך אפילו קיינמאָל נישט, געקומען צו דער מאַכט, ווען זיי רוקן נישט אַרויס אין זייער פּראָגראַם אזוי שאַרף דעם אַנטיסעמיטיזם, מיט די לאָזונגען פון אומ־באַגרענעצטן רויב און טאָטאַלן מאָרד פון די יידן.

אין דער צייט ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן און עס האָט זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך, די רויבערישע נאַצי־פּאַרטיי, אין 1919, זיינען איבער צוואַנציק מיליאָן דייטשן געווען אָרגאַניזירט אונטער פּאַרשידענע פענער. העכער פינף מיליאָן מיטגלידער האָט געציילט דער ספּאַרטאַקוס־בונד (קאָ־מוניסטישע פּאַרטיי) אונטער דער אָנפירונג פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג; די זעלבע צאָל מיטגלידער האָט אויך געציילט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אונטער דער אָנפירונג פון שיידעמאַן און ערבערט. שטרעזמאַנס קריסטלעך דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געציילט איבער דריי מיליאָן מיטגלידער צוזאַמען מיט דער מיטגלידערשאַפט פון אַנדערע, קלע־נערע פּאַרטייען, איז אין דריטל פון דעם דייטשן פאָלק געווען אָרגאַניזירט אונטער זייערע פענער.

די נייע פּאַרטיי האָט דאָך אָבער געוואָלט האָבן מיטגלידער און דעמאָלט פאַלט דער גזר־דין און עס ווערט געחתמעט דער גורל פון דעם יידישן פאָלק. כדי צו געווינען די מאַסן, זאָגן זיי צו פרייען רויב און מאָרד פון יידן — און די פירער פון דער נאַצי־פּאַרטיי ווייסן, אַז עס פעלן נישט אין דייטשלאַנד קיין ליידיקגייער און דעגענעראַטן, וואָס ווילן לעבן אויף יענעמס חשבון. אויף אַזאַ אופן רוקט די היטלער־באַנדע אַרויס, אויפן ערשטן אָרט, די לאָזונג פון רויב און מאָרד פון די יידן. און עס געלונגט זיי. אַזוי ווי זיי האָבן פון פריער פּלאַנירט.

די היטלעריסטן ווארפן אויף דעם שייטער הויפן דאָס אומשולדיקע יידיש פאָלק פאר זייערע צילן

עס איז געוואָרן צוואנציק יאָר זינט דער מפלה פון דייטשלאַנד אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין משך פון אָט די צוואַנציק יאָר האָט די גאַנצע וועלט, און דער עיקר מיר יידן, זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון נאַציזן מאָרד איבער אַ דריטל פון אונזער פאָלק, פון אומברענגען אויפן סאַמע שוידערלעכסטן אופן זעקס מיליאָן ציווילע מענטשן, וועלכע האָבן אין קריג נישט אָנטיילגענומען און זייער איינציקע שולד איז געווען די, וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן יידן . . .

איך, אַלס אַזעלכער, וועלכער האָט פערזענלעך דורכגעמאַכט די שווי־דערלעכע יאָרן אין די געטאָס און די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן, וואָס האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן פון דער נאָענט אָט דעם מאָנס־טערישן פעלקער־מאָרד, וויל זיך טיילן מיט מיינע אָבסערוואַציעס און מיינונגען, וועלכע האָבן זיך ביי מיר געשאַפן, פאַרוואָס דאָס דייטשע פאָלק, דאָס פאָלק פון געטע און שילער, איז דערגאַנגען צו דער נידעריקסטער חיה׳שער גע־פאַלנקייט.

היטלער אַליין איז געבוירן אין עסטרייך, אין אַ לאַנד ווו יידן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן מיט רעספעקט, און יידן האָבן אָפּגעצאָלט מיט דעם זעלבן: זיי האָבן דאָס לאַנד ליב געהאַט און אַרויסגעוויזן אַ הויכע מאָס פון פּאַטריאָטיזם.

אויך אין דייטשלאַנד זיינען יידן געווען פּאַטריאָטן פון זייער פּאַטער־לאַנד, און דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן זיך אפילו באַטראַכט אַלס דייטשן, נאָר פון משה׳ס גלויבן. די יידישע און דייטשע באַפעלקערונג איז געווען געבונדן מיט זייער געמיינזאַמען פּאַטריאָטיזם און ליבע צום פּאַטערלאַנד, מיט געמיינזאַמע קולטור־אינטערעסן, שפּראַך און אפילו אויך שטייגער־לעבן, וועלכן די יידן האָבן אין אַ גרויסער מאָס איבערגענומען פון די דייטשן. אָבער חוץ דעם איז אויך געווען אַ גרויסע בלוט־קרובה׳שאַפט צווישן די יידן און דייטשן, דורך דער גרויסער צאָל געמישטע חתונות. עס איז שוין געווען כמעט ווי אוממעגלעך אָדורכצופירן אַ פעסטע שייד־ליניע צווישן דער יידישער און צווישן דער דייטשער באַפעלקערונג.

און גראָד אין אָט דעם דאָזיקן לאַנד איז פאַרטראַכט און אויסגעפירט געוואָרן דער גרעסטער מאָרד אין דער יידישער געשיכטע.

ווי ליגן די וואָרצלען, פאַרוואָס און ווי אזוי איז דאָס געשען?

דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

דייטשלאַנד, נאָך דעם פאַרלוירענעם קריג, אין יאָר 1918, נאָכן פאַלן פון דער ווילהעלמס דינאַסטיע, האָט געמוזט אָפּגעבן אַלע פאַרנומענע געביטן — צווישן זיי די שפּייז־קאַמערן פון אוקראַינע און פוילן, וואָס איז געווען דעמאָלט זייער הויפּט־טרוים — די פעטע פעלדער און די פעטע חזירים, וועגן וואָס זיי האָבן לאַנג געחלומט. אויסער דעם אַלעמען האָבן זיי, די דייטשן, נאָך געמוזט אָפּגעבן די אייגענע געביטן, ווי: סאַאַר און רור־געביט, פּאָמערן, שלעזיע, דעם דאַנציקער קאָרידאָר א. א. וו. איצט די קאָנטריבוציעס פון ווערסאַלער טראַקטאַט, מיט ווילסאָנס 14 פּונקטן. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט דאָס דייטשע פאָלק אַריינגעוואָרפן אין אַ געדריקטער, האָפענונגסלאָזער שטימונג אויף דער צוקונפט.

נאָכן שאַפן די נייע ווײמאַר־רעפּובליק, מיט אַ קאָנסטיטוציע, מיט שטרעזמאַן, שיידעמאַן און עבערט אין דער שפּיץ, האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַ גרויסער קאַמף צווישן די פאַרטייען: דער ספּאַרטאַקוס־בונד (קאָמוניסטן) מיט אַ גרויסער, מיליאָניקער מיטגלידערשאַפט, אונטער דער פירערשאַפט פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורג; די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט מיליאָנען מיטגלידער, קריסטלעך־דעמאָקראַטישע פאַרטייען מיט גרויסע מאַסן און אַנדערע פאַרטייען, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער מאַכט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ גרויסן כאַאָס אין לאַנד. צו דעם נאָך דער הונגער, וואָס האָט זיי געצוווּנגען צו לעבן באַגרענעצט, אויף שפּייז־קאַרטן און לסוף די אַרבעטסלאָזיקייט — דאָס אַלץ האָט אַריינגעוואָרפן דאָס דייטשע פאָלק אין אַ צושטאַנד פון הפקירות און אַפּאַטיע.

אויף דעם כאַאָטישן באָדן איז אין דייטשלאַנד אַנטשטאַנען אַ נייע פאַרטיי מיט אַ קלינגנדיקן נאָמען: „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן" (דאָס הייסט אַריינצונאַרן אי נאַציאָנאַליסטן אי סאָציאַליסטן) מיט דעמאַגאָגישע לאָזונגען, — אונטער

דער הויפּט־אָנפירונג פון אַדאָלף היטלער מיט אַ צענדלינק מיטהעלפער, ווי: גערינג, העס, געבעלס, ראָזענבערג, יוליוס שטרייכער, פריג, באָרמאַן, ריבענטראָפּ, פונק א. אַ.

אַדאָלף היטלער אַליין — אַ געבוירענער עסטרייכער, אַן אונטער־אָפיציר מיט אַ גרויסן רעדנער־טאַלאַנט, אַ היציקער קאָפּ, מיט ברייטע פאַנטאַזיעס, אַ מאַכטדורשטיקער העגעמאַניסט, וואָס האָפט צו ווערן דער קולטביים דייטשן פאָלק. ער קען דאָס דייטשע פאָלק אַלס אַ נאַאיוו, דיסציפּלינירטער עלעמענט. איצט ביי דער געדריקטער שטימונג, הונגער, אַרבעטסלאָזיקייט, די 14 ווילסאָן־פּונקטן און די גרויסע קאָנטריבוציעס צו צאָלן — קומט די נייע פּאַרטיי מיט לאָזונגען פון שאַפן אַרבעט פאַר יעדן, ניט צו צאָלן די גרויסע קאָנטריבוציעס און ניט אויספירן דעם ווערסאַלער טראַקטאַט. יעדער מיטגליד וואָס טרעט אַריין אין דער פּאַרטיי מוז זיין אַנטי־רעליגיעז.

אין דער זעלבער צייט וואַקסט דער כאַאָס אין גאַנץ מזרח־איראָפּע, ווו פאַרשידענע באַנדעס רייסן זיך צו דער מאַכט, ווי צום ביישפּיל אין רוסלאַנד, אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד א.א.וו. מיט זייערע באַנדעס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון פּעטלורע, בולאַק־באַלאַכאָוויטש, דעניקין, מאַכנאָ א. א. וואָס פירן זייערע קאַמפּן מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען און פאַר וועמען יידיש לעבן און יידיש פאַרמעגן איז הפקר. רויב און מאָרד ביים יידישן פאָלק איז זייער הויפּט־געווער און אזוי קריגן זיי די מאַסן און די מיליאָנען מיטהעלפער. דאָס זעלבע איז אויך אין פּוילן: די האַלערטשיקעס און די פּאָזנאַנטשיקעס, וועלכע שניידן ביי יידן די בערד און אַלע וואָס רייסן זיך צו דער מאַכט, נוצן דעם אַנטיסעמיטיזם.

אזוי האָט היטלער מיט זיינע מיטהעלפער דערשמעקט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם קען אים פיל געבן און צוהעלפן ביי זיך אין לאַנד צו קריגן די מאַכט און ער באַשטימט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס ערשטע, שטאַרקסטע געווער צו זיין פּראָגראַם און ער האָפט, אַז דורך דער יידן־שנאה וועט ער אַריינקריגן די אָפּפאַל־עלעמענטן, די רויבער, ליידיקגייער, דעגענעראַטן, אין זיינע רייען. און זיי וועלן זיין די בעסטע מיטהעלפער צו פאַרווירקלעכן זיינע פינצטערע פאַנטאַזיעס און צו קריגן די מאַכט ביי זיך אין לאַנד. צו דעם צוועק האָט

היטלער באַשטימט דריי שטאַרקע דעמאַגאָגן: דעם קריפּל ד״ר געבעלס, מיט אַ שטאַרקן רעדנער־טאַלאַנט, אַלס אָנפירער; ראָזענבערג — אַ היץ־קאָפּ און אויך אַ שטאַרקער רעדנער און יוליוס שטרייכער — אַ דעגענעראַט־סאַדיסט. ד״ר געבעלס איז דער הויפּט־דירעקטאָר, ער איז באַשטימט אויף עקספּאָרט, צו פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט דעם אַנטיסעמיטיזם. ראָזענבערג און שטרייכער זיינען באַשטימט צו פאַרשפּרייטן יידן־האַס ביי זיך אין לאַנד. אזוי קומט באַלד די היטלער־באַנדע צו די דייטשע מאַסן מיט די לאָזונגען, אַז יידן זיינען שולדיק אין זייער פארלוירענעם קריג, אין זייערגאַנצן אומגליק. און אויף יעדן טריט און שריט וואַרפט די פּאַרטיי די שולד אויף יידן. ראָזענבערג לאַרמט אָפן: רויב און מאָרד ביים יידישן פאָלק.

די היטלער אוניפאָרם איז: ברוינע העמדער מיט שוואַרצע קראַוואַטן, הויכע שטיוול און האַקענקרייץ־לענטעס אויף די אָרעמס און טויטן־קעפּ. אזוי הויבט אָן די היטלער־באַנדע צו נוצן דעם אַנטיסעמיטיזם אויף יעדן טריט און שריט מיט זייערע הויפּט־לאָזונגען. עס הויבן זיך אָן געשלעגערייען צווישן די היטלער־באַנדעס מיט די פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע אַרבעטער־עלעמענטן, וואָס נעמען אָן שרעקלעכע פאָרמען.

אין די היטלער רייען הויבן אָן צו שטראָמען מאַסן, וועלכע באַשטייען פון הפקר־יונגען, דעגענעראַטן, רויבער, וואָס שליסן זיך אָן אין דער נאַצי־פּאַרטיי. היטלער פילט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם ברענגט זיין פּאַרטיי גרויסע נוצן און זיין מערדערישע פאַנטאַזיע ווערט נאָך מער צעפלאַקערט. עס קומט דער ערשטער אַנטיסעמיטישער שאָס, פון וועלכן עס פאַלט אַלס קרבן דער יידישער עקאָנאָמיע־פינאַנץ מיניסטער, וואַלטער ראַטענאַו און אַנדערע טעראָר־אַקטן איבער אַרבעטער־טוער (ראָזע לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט) און פּראָגרעסיווע עלעמענטן.

די היטלער־באַנדעס, ווען זיי באַווייזן זיך אין גאַס מיט זייערע ברוינע העמדער און האַקנקרייצן, וואַרפן אָן אַ שרעק אויף דער באַפעלקערונג. היטלערס רייען ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער קריגט אַריין אין זיינע רייען דעם גרויסן סאַדיסט הימלער. צו דער פּאַרטיי שטייען צו די גרעסטע פאַרברעכערישע דעק־עלעמענטן ווי אויך דעקלאַסירטע קליינבירגער, וועלכע זעען אין דער פּאַרטיי אַ רעטונג פאַר זייער פּערזענלעכער לאַגע.

אין דייטשלאַנד קומען פאָר וואַלן. די נאַצי־פּאַרטיי פּרוווט אויס איר כוח, אָבער זי פאַלט דורך. זיי האָבן אָבער האָפנונג אויף די נאָענטסטע וואַלן, אַז דעמאָלט וועלן זיי זיגן. הינדענבורג ווערט פּרעזידענט. די שפּאַנונג ווערט עטוואָס לייכטער. מען האָפט, אַז דער גרויסער פעלדמאַרשאַל וועט אַביסל צוימען די צעיושעטע היטלער־באַנדעס און וועט אַריינברענגען באַרואיקונג אין לאַנד. אָבער די היטלער בעסטיעס לאָזן ניט נאָך. די געשלעגערייען מיט די אַנדערע, אַרבעטער אָדער פּראָגרעסיווע עלעמענטן קומען ווייטער פאָר. דער אַנטיסעמיטיזם פאַרנעמט דעם אויבנאָן. ביי יעדער געלעגנהייט שיקט געבעלס פּאַמפלעטן אין דער גרויסער וועלט און זאָגט זיי צו פרייען רויב און מאָרד פון דעם יידישן פאָלק. אַממיינסטן שיקט ער דאָס קיין אַמעריקע, ווו עס לעבט־אויף די קו־קלוקס־קלען פּאַרטיי, וועלכע ווערט געשטיצט פון די היטלער־באַנדעס מיט גרויסע סומעס. דאָס זעלבע איז אויך אין ענגלאַנד — די מאָסעלס. און ווו נאָר עס געפינען זיך דייטשן, אין יעדן ווינקל פון דער וועלט, טרעטן זיי געהיים אַריין אין דער נאַצי־פּאַרטיי. געבעלס זאָגט זיי צו גרויסע פּאָזיציעס און פּריווילעגיעס נאָכן צוקונפטיקן נאַצי־זיג, וועלכער איז אומפאַרמיידלעך. זיי ווערן פינאַנציעל געשטיצט, אין פאַרשידענע לענדער, פון זייערע לאַנד־גענאָסן און אזוי שאַפט זיך אַ פינפטע קאָלאָנע אין דער וועלט.

היטלער אַליין פאַרשטייט ניט דעם אַנטיסעמיטיזם

עס דערשיינט דאָס בוך „מיין קאַמף" פון היטלערן, וואָס איז אַממייסטן באַשטימט אויף עקספּאָרט. דאָס בוך איז אָנגעפילט מיט יידנהאַס און אַנטי־סעמיטישע פּלוידערייען. פּאַקטיש ווייסט היטלער אַליין ניט מיט וואָס דעם אַנטיסעמיטיזם צו באַרעכטיקן, אזוי אַז דאָס זאָל ווירקן אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. ער באַנוצט זיך מיט דעמאַגאָגישע מאָטיוון, אַז יידן זיינען שולדיק אין זייער פאַרשפּילן די ערשטע וועלט־מלחמה, אין זייער לעבנס־כאַאָס, אַז די יידן האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע פּאָזיציעס אין דער ווירטשאַפט, פרייע פּראָפעסיעס און פּאָליטיק, פּרעסע, טעאַטער־וועזן, פּונקט ווי די יידן וואָלטן די אַלע פּאָזיציעס פאַרכאַפּט, מכלומרשט מיט געווער, אומגעזעצלעך, און ניט מיט שווערער, ערלעכער אַרבעט, לויט דער גערעכטלעכער לאַנד־

קאָנסטיטוציע. היטלער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די דאָזיקע מאָטיוון זיינען צו בלאָס פאַר די מאַסן און אַז ניט איינער פון זיין פאָלק וועט ניט קענען פאַרשטיין, ווי אזוי האָבן דאָס די יידן פאַרכאַפּט פּאָזיציעס. און ניט אין דייטש האָט זיך געלערנט פון יידן ווי אזוי צו פירן פּאָליטיק, האַנדל א.א.וו. אָבער היטלער קלערט ניט וועגן די, וואָס דענקען ערלעך, ער דאַרף זיי ניט האָבן. אים גייט נאָר אַריינצוקריגן דעם עלעמענט, וואָס לויערט אויף פרעמדע פאַרמעגנס. די בלוט דורשטיקע רויבער־באַנדעס — דעם עלעמענט דאַרף ער איצט האָבן אין זיינע רייען. און אין דעם צוקונפטיקן רעוואַנזש־קריג. ווען ער וועט קומען צו דער מאַכט און וועט צוריק אָפּנעמען די פאַרלוירענע פעטע פעלדער, וועט ער צוקריגן די אַלע רויבער־באַנדעס פון די לענדער, וואָס ער וועט פאַרנעמען און זיי וועלן אים צוהעלפן אין זיין ווייטערדיקן זיג. זיין כוונה איז: פוילן, אוקראַינע, ליטע א.א. — די פעטע פעלדער פאַר זיין פאָלק.

די היטלער־באַנדעס פאַרזוכן צו פאַרכאַפּן די מאַכט מיט געוואַלד. היטלער אָרגאַניזירט דעם מאַרש אויף מינכען, אָבער זיין „פוטש״ ווערט אַנטדעקט און ער פאַלט דורך. פּרעזידענט הינדענבורג לאָזט היטלערן אַרעסטירן, אָבער באַלד ווערט ער באַפרייט. היטלער ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער חוצפה׳דיק. דעם אַנטיסעמיטיזם נוצט ער אויס אויף יעדן טריט און שריט. ראָזענבערג ליאַרמט: מאָרד, רויב אין דעם „פעלקישן בעאָבאַכטער״ און דאָס זעלבע טוט יוליוס שטרייכער אין דעם ״שטירמער״.

עס דערנענטערן זיך נייע וואַלן. די אַרבעטער און פּראָגרעסיווע פאַרטייען פאַראייניקן זיך קעגן די היטלער באַנדעס. אין דער צייט פון די וואַלן ווערן פיל פאַרוואונדעט. דאָס פאָלק נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין די וואַלן. די שפּאַנונג איז זייער גרויס. וועלכער צד וועט דאָ זיגן? מען קאָמענטירט, אַז אויב די היטלער־באַנדעס וועלן זיגן, וועט הינדענבורג זיי ניט צולאָזן צו דער מאַכט. די שפּאַנונג איז גרויס אין לאַנד און אין אויסלאַנד. נאָך די שרעקלעכע, בלוטיקע קאַמפּן זיינען אַדורך די וואַלן. די היטלער־באַנדעס זיינען אַרויס מיט אַ גרויסן נצחון. די וועלט איז אויפגערעגט. מען גלויבט אָבער אַז מאַרשאַל הינדענבורג, אַלס פּרעזידענט, מיט זיינע רעכט, וועט ניט

דערלאָזן היטלערן צו דער מאַכט. אָבער הינדענבורג קעגן אַלע דערוואַר־טונגען, היט אָפּ די קאָנסטיטוציע און גיט איבער היטלערן די מאַכט. דאָס לאַנד יובלט. די היטלער באַנדעס פירן דורך גרויסע מאַניפעסטאַציעס. היטלער האַלט גרויסע רעדעס אין יעדער דייטשער שטאָט און ער זאָגט צו די מאַסן צו פאַרווירקלעכן זיינע פאַרפּליכטונגען. די נעכטיקע קעגנער זיינע לויפן איבער צו דער נאַצי־פּאַרטיי מאַסנוויַיז. אזוי אַז אין אַ גאַר קורצער צייט האָט היטלער אין זיינע רייען כמעט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, וואָס פאַרגע־טערט אים.

היטלער נעמט זיך צו דער אַרבעט. אויפן ערשטן פּלאַן שטייט ביי אים דער רעוואַנזש־קריג. היטלער רופט און באַפעלט די שטאָל־ און אייזן־מאַג־נאַטן, די קרופּס, סטינעס א. א. אָנצוהייבן צו הייצן די אויוונס און צו שמידן דאָס אייזן און שטאָל. און דאָס רור־געביט, עסען, ווערן באַלויכטן פון די ברענענדיקע אויוונס, פון וועלכע עס שפּאַרן ארויס די ריזיקע פייער־פלאַמען. און דאָס איז שוין די קריגס־אינדוסטריע, וואָס איז אויף דעם ערשטן אָרט, גלייך אין די ערשטע טעג פון זיין קומען צו דער מאַכט. נאַטירלעך, אַז אַלץ ווערט דורכגעפירט אין שטרענגסטן געהיים. ער וויל ניט אויפרייצן די וועלט איצט קעגן זיך, די הויפּט־זאַך, צו וואָס ער צילט איז קריג.

היטלער ווערט דער קולט ביים דייטשן פאָלק. געבעלס צעבלאָזט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי ווייט מעגלעך אין דער וועלט. און דער אַנטיסעמיטיזם צעמישט די מוחות פון דער גאַנצער וועלט. יוליוס שטרייכער אין זיין „שטירמער" און ראָזענבערג אין „פעלקישן בעאָבאַכטער" שטורמען דעם אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד נאָך שטאַרקער. היטלער מיט די צוגרייטונגען צום בליץ־קריג, שאַפט אַרבעט. היטלער פאַראָרדנט אָנצוהייבן בויען אויטאָ־סטראַדעס אויף טויזנטער קילאָמעטער און דאָס זיינען שוין צוגרייטונגען צום בליץ־קריג, די וועגן זאָלן זיין דורכאויס צו דעם צוגעפּאַסט. און ער שאַפט אַרבעט, וואָס באַשעפטיקט מיליאָנען מענטשן אין לאַנד. די מענטשן שטוי־נען פון זיין געניאַליטעט. די נעכטקע קעגנער שעמען זיך, פאַרוואָס זיי זיינען נאָך פון נעכטן־אָן ניט געוואָרן קיין נאַצי־מיטגלידער.

היטלער בעט זיך ביים פאָלק: „גיט מיר צען יאָר צייט און איר וועט

אייער לאַנד ניט דערקענען...״ דאָס פאָלק ענטפערט אים, אַז עס איז גרייט אים איבערצוגעבן דייטשלאַנד ניט בלויז אויף צען יאָר, נאָר אויף אייביק... היטלער ווייסט גאַנץ געווי, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז איצט גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אים. געבעלס, אַלס מיניסטער פאַר פּראָפּאַגאַנדע, הויבט אָן צו אָרגאַניזירן די דייטשן אויף דער גאָרער וועלט, ד. ה. ער פאַרשטאַרקט די פינפטע קאָלאָנע און די דאָזיקע העלפן אים צו פאַרשפּרייטן דעם אַנטיסע־מיטיזם אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, ווו נאָר עס לעבן גרעסערע יידישע קיבוצים.

ווי אזוי די אזוי גערופענע ציוויליזירטע וועלט קוקט זיך צו צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דייטשלאַנד, ווי אזוי דער אַנטיסעמיטיזם ווערט פאַר־שפּרייט דורך די דייטשן אין דער גאַנצער וועלט און האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שוויגט און זיי פאַרשטייען ניט, אַז דער גאַנצער אַנ־טיסעמיטיזם איז קעגן די וועלט־מאַכטן, זיי צו פאַרניכטן.

היטלער שיקט אַרויס זיינע אַגענטן איבער דער וועלט כדי צו באַרואיקן און איינרעדן יעדן איינעם, אַז ער מיינט נאָר צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון זיין לאַנד און ער זוכט, מכלומרשט, שלום מיט אַלע פעלקער. ער זאָגט זיי אַלעמען צו, אַז ווי נאָר עס וועט זיך איינסטאַביליזירן ביי אים אין לאַנד עקאָנאָמיש, וועט ער אַלץ טאָן, כדי אָפּצוהיטן די אָפּמאַכן פון ווערסאַלער טראַקטאַט און די 14 פונקטן... דער נייער דייטשער עקאָנאָמיע מיניסטער, שאַכט, פאָרט אַרום איבער דער וועלט — אַמעריקע, ענגלאַנד א. א. און זוכט צו מאַכן ביי זיי הלוואות, כדי צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון דייטש־לאַנד. דאָס קומט אים אָן ניט שווער. ער פירט דורך זיינע פּלענער. פאַר די געלטער וואָס ער באַקומט אין אויסלאַנד, בויט דייטשלאַנד פונאַנדער איר גרויסע קריגס־אינדוסטריע און גרייט זיך צו אינטענסיוו צו דער צוקונפ־טיקער מלחמה.

היטלער וויל פּטור ווערן פון דעם רייכסטאַג און וויל ווערן דער גאַנצער בעל־הבית

דער רייכסטאַג אין בערלין ווערט אונטערגעצונדן. די שולד פאַר דעם

וואַרפט מען אויפן בולגאַר דימיטראָוו. אזוי ווערט היטלער דער פולשטענדי־קער דיקטאַטאָר פון דייטשלאַנד.

אין דער זעלבער צייט, ווען זיין עקאָנאָמיע־מיניסטער פאָרט אַרום איבער דער וועלט צו שאַפן געלט, כדי צו פאַרפעסטיקן אין דייטשלאַנד דעם היטלער־רעזשים, פאָרט אַרום זיין אויסערן־מיניסטער, ריבענטראָפּ — וועמענס אויפגאַבע איז צו פאַרבלענדן די וועלט מיט פאַלשע הבטחות און דעקלאַראַ־ציעס. די וועלט ווו ער, ריבענטראָפּ, קומט, נעמט אים אויף ווי אַן אָנגעזעענעם ליבן גאַסט און מען פירט זייער גערן מיט אים פאַרהאַנדלונגען. ריבענטראָפּ זוכט, מכלומרשט, צו שליסן ניט־אַגרעסיע־פאַקטן מיט די שכנותדיקע לענ־דער פון דייטשלאַנד. ער פירט, צום ביישפיל, אונטערהאַנדלונגען מיט דער פוילישער רעגירונג, אין שפיץ פון וועלכער עס איז דעמאָלט געשטאַנען דער מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי. דער לעצטער איז ווייט ניט צופרידן צו פאַר־האַנדלען מיט דעם ניי־ געבאַקענעם „פאַרטנער”. אָבער ער קען גאָרניט טאָן. דער גרויסער פוילישער מלוכה־מאַן זעט די אַנטשטייענדיקע געפאַר פאַרויס און ער מאַכט אויפמערקזאַם די וועלט אויף דער פאַרשטייענדיקער סכנה׳די־קער צוקונפט. אָבער די וועלט איז פאַרטויבט און הערט זיך צו אים ניט צו. פוילן פאַרבלייבט איזאָלירט און זי מוז נאָכגעבן. זי האָט ניט קיין ברירה און שליסט מיט דייטשלאַנד אַ ניט־אַגרעסיע־פאַקט. ווען מאַרשאַל פילסודסקי שטאַרבט, אין יאָר 1935, שיקט היטלער צו דער לוויה, אַלס פאַרשטייער, זיין בעסטן פריינט, געריינג. דער אַנגעפרעסענער, דיקער געריגג, אַרומגעהאָנגען מיט מעדאַלן — שפּרייזט אין די ערשטע רייען, אויף די נייע־וועלט גאַס, פון דער דאָזיקער לוויה. די פוילישע באַפעלקערונג קוקט מיט גרויס פאַר־ביטערונג אויפן כלומרשטן פריינט און זעט פאָר, אַז פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט וועט פאַר פוילן קיין גוטס ניט אַרויסשפּראָצן...

היטלער מאַכט זאַפּאַסן פון לעבנסמיטלען...

צווישן פוילן און דייטשלאַנד קומען איצט פאָר ווירטשאַפטלעכע פאַר־האַנדלונגען. עס ווערט אונטערגעשריבן אַ האַנדלס־אָפּמאַך, פון וועלכן פאַן־מאַלטקע, דער נייער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין פוילן, איז דער איניציאַטאָר. דער האַנדלס־אָפּמאַך לויטעט, אַז דייטשלאַנד שטעלט צו, אויף זייער גיגאַנטיקע

באַדינגונגען, פאַר פוילן אויטאָס און פוילן, פון איר זייט, דאַרף ליפערן פאַר דייטשלאַנד שפייז־פּראָדוקטן, ווי פלייש, פעטס א.א.וו. לפנים זעט אויס דער אָפּמאַך צו זיין אַ גאַנץ גינסטיקער פאַר פוילן — זי באַקומט אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר אירע אַגראַר־פּראָדוקטן און וועט ניט דאַרפן צאָלן מיט אויסלענדישער וואַליוטע פאַר דער מאָטאָר־אינדוסטריע. דאָס איז פאַר פוילן דעמאָלט געווען אַ גרויסער פּלוס. די באַפעלקערונג בעמט ניט אויף דעם אָפּמאַך מיט קיין איבריק גרויסן ענטוזיאַזם — זי קוקט מיט חשד אויף די נאַצישע מאַנעווערן און פילט דאָס אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויפן לאַנד. צווישן פוילן און דייטשלאַנד האַלט זיך די „פריינטשאַפט" אין איין אויסברייטערן. עס קומען פאַר פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען צווישן פוילן און דייטשלאַנד. וואַרשע שווימבלט איצט פון דייטשן, וועלכע קומען אויף די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען אין די צענער טויזנטער, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי דערביי גאָר אַן אַנדערע כוונה. זיי זיינען אַלע ווי איינער נאַצישע אַגענטן און זייער ציל איז אויסצושפּיאָנירן אַלץ ווי ווייט נאָר עס לאָזט זיך. מען האָט עס געקענט לייכט מיטן הו לן אויג באַמערקן, אַז דער דייטשער ציל צו באַזוכן פוילן איז געווען, כדי אויסצוקוקן אַלערליי סטראַטעגישע פּונקטן, זיי זאָל ניט פרעמד זיין דאָס לאַנד, ווען זיי וועלן עס קומען אָקופּירן...

דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן ווערט פאַרשפּרייט מיט אַן אומגעהויער שטאַרקן טעמפּאָ. אויף אַלע געביטן: אין די הויכשולן, מיטלשולן ווערט איינגעפירט נומערוס קלאַוזוס און עס קומען פאַר אַטאַקן פון די פוילישע סטודענטן אויף די יידישע און צווישן די לינקע און די רעכטע קומען פאַר געשלעגערייען. עס אַנטשטייען נייע אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען: נאַראַ און פאַלאַנגאַ. זיי פאַרשפּרייטן פיל אַנטיסעמיטישע העץ־ליטעראַטור אויפן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביט. דאָס איז דער פּראָדוקט פון געבעלס פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וועלכן די צוויי מיליאָן פיר הונדערט טויזנט דייטשן, וואָס לעבן אין פוילן, אַלס פינפטע קאָלאָנע, פירן מיט דעם אָן, אומדירעקט. עס איז מיר באַקאַנט, אַז אין וואַרשע קומען פאַר יעדן צענטן טאָג, פאַרזאַמלונגען פון די אוקראַינער, ווייסרוסן, רוסן וואָס לעבן אין פוילן נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. יעדן צענטן טאָג קומען פאַר די צוזאַמענטרעפן צווישן די דייטשן מיט די אויבנדערמאָנטע, גאַנץ געהיים, און די דייטשן זאָגן

זיי צו פֿאַרשידענע פּריווילעגיעס און אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס, ווען זיי וועלן פֿאַרנעמען די דאָזיקע געביטן. די פֿאַרזאַמלונגען פּלעגן פֿאָרקומען אויף כמיעלנע גאַס. דאָס בין איך אינפֿאָרמירט געוואָרן פֿון אַ הויכגעשטעלטער פּערזענלעכקייט, פֿון רוסישן גראַף איגנאַטיעוו. דער לעצטער איז געווען אַ פּולקאָווניק אין דער רוסישער אַרמיי און ער איז געווען אַ רוסישער פּליט. ער איז פֿון דער דאָזיקער אויבנדערמאָנטער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטראָטן. ווי מיר איז באַקאַנט, איז דער איניציאַטאָר און אָנפֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע געווען איינער אַ דאָקטאָר לענץ — קאָרעספּאָנדענט פֿונם אַנטיסעמיטישן „פּעלקישן בעאָבאַכטער", אין פּוילן. אַזוי ווערט פּוילן וואָס ווייטער, אַלץ מער אונטערגעגראָבן און די באַפּעלקערונג ווערט צעשפּליטערט אויף פֿאַרשידענע גרופּירונגען: די פֿרעמד אַריינגעקומענע פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די נאַצי־דייטשן, וואָס לעבט אין פּוילן און די יידן אויף וועמען די אַלע שאַרפֿן שוין די מעסערס...

עס באַווייזט זיך דער אַנטיסעמיטישער גלח־משומד, טשעטשאַק

דער באַצאָלטער דייטשער אַגענט, גלח טשעטשאַק (אַ משומד) פֿירט אָן אַ געפֿערלעכע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם קלער און דער קריסט־לעכער באַפּעלקערונג. אין אַלע קריסטלעכע קלויסטערס אין גאַנץ פּוילן, פֿאַרשפּרייט ער דעם גיפֿטיקן סם, אַנטיסעמיטיזם, צווישן דער קריסטלעכער באַפּעלקערונג.

גערינג ווערט איינגעלאַדן קיין פּוילן דורך דער רעגירונג אויף יאַגד אין די געדיכטע ביאַלאָוויעזשער וועלדער. די רעגירונג נעמט אים אויף מיט גרויס פּאָמפּע. עס זיינען צו דעם ציל צוגעגרייט געוואָרן צען אויטאָס — פֿיאַטן. איך האָב גראָד געהאַט די „חשיבות", אַז אין מיין פֿאַבריק זיינען גע־מאַכט געוואָרן די דאָזיקע אויטאָס. אין דער זעלבער צייט ווען גערינג יאָגט זיך אין די פּוילישע וועלדער נאָך וועלף, גרייטן די אמתע היטלער־וועלף זייער פֿיראַטן־איבערפֿאַל אויף זייער פּוילישן שכן.

פּוילן ווערט פֿאַרפּלייצט מיט דייטשע אויטאָמאָבילן

אין לאַנד באַווייזן זיך די ערשטע אויטאָמאָבילן מערצעדעס, אָפּעלס, ד. ק. וו., וועלכע ווערן אין פּוילן פֿאַרקויפֿט אַ סך ביליקער ווי אין דייטש־

לאַנד. טראָץ דעם יידישן באָיקאָט אויף דייטשע אויסאַרבעטונגען, און אויך פון פיל קריסטן, — ציען אָבער די אויטאָס צו מיט זייער ביליקייט. אין פוילן ווערט אַ מערצעדעס פאַרקויפט פאַר 1450 דאָלאַר, אין דער צייט ווען אין דייטשלאַנד גופא קאָסט אַזאַ אויטאָ איבער 2000 דאָלאַר. אזוי שטויסט די דייטשע אויטאָ־אינדוסטריע אַרויס אַלע אַנדערע אויטאָס, ווי: אַמעריקאַנער, ענגלישע א.א.וו. פּאָליטיקער האָבן געהאַט אַ ווייטערן קוק און האָבן מיט שרעק אויפגענומען, וואָס עס קומט פאַר אין לאַנד. די דייטשן האָבן שוין דאָ אזוי וויט פּראָגרעסירט, אַז זיי האָבן אין וואַרשע אינסטאַלירט אַ גרויסע פאַבריק ביי „לילפּאָפּ ראַו לעוועגשטיין”, ווו עס האָבן געאַרבעט צענדליקער טויזנטער אַרבעטערביים צוזאַמענשטעל פון אויטאָס. פון דער צווייטער זייט האָבן די דייטשן זיך פאַרזאָרגט מיט פוילישע ווירטשאַפטס־פּראָדוקטן איבערן קאָפּ. און וואָס אַנבעלאַנגט דער מאָטאָר־אינדוסטריע, מיט וועלכער זיי האָבן פאַר ביליק אָנגעפילט פוילן, האָבן זיי דורכאויס געוווסט, אַז די דאָזיקע אויטאָס וועלן זיי שפּעטער צוריק אַוועקנעמען, ווען זיי וועלן באַפאַלן פוילן און איר אָקופּירן.

היטלער זעט פאַרויס דעם זיג אויף אַלע פראָנטן. דאָלאַרן קריגט ער פון דער גאַנצער וועלט, וויפיל ער וויל נאָר. די מעכטיקע קריגס־אינדוסטריע אַרבעט טאָג און נאַכט. עס שטייען שוין פאַרטיק צום קריג מעכטיקע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, שווערע טאַנקן, סובמאַרינען און נאָך אַנדערע כלי־משחית, מיליאָנען טאָנען בליי. די וועלט עקספּערטן, וועלכע באַזוכן דייטשלאַנד און פינאַנסירן היטלערן, ווייזט מען די פונאַנדערגעבויטע אויטאָמאָבילן־אינדוסטריע. די גרויסע באַשטעלונגען פון אויסלאַנד, וואָס ווילן קרעדיטן און מען קען זיי ניט ליפערן צו דער צייט, וועגן דעם וואָס זיי פאַרקויפן די אויטאָס, מערצעדעסן און אפּעלס, פאַר אַ העלפט פּרייז אין אויסלאַנד, וועגן דעם דערציילט מען ניט. אַז אין די זעלבע פאַבריקן, וואָס מען ווייזט די עקספּערטן, ווו מען פּראָדוצירט אויטאָמאָבילן, — ווערן אונטן, געהיים, אויסגעאַרבעט קריגס־מכשירים — דאָס ווערט אויסבאַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג. אויך דאָס פאַרבערייטן פון גרויסע שפּייז־זאַפּאַסן האַלט מען געהיים — קיינער ווייסט פון דעם ניט. פאַר דער וועלט מאַכט דייטשלאַנד דעם אָנשטעל, אַז זי זוכט נאָר שלום מיט אַלעמען... ריבענטראָפּ פאָרט אַרום מיט דעם דאָ־

זיקן פּזמון איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער זייענדיק „להוט" נאָך שלום, קען זיך דייטשלאַנד ניט אָפּזאָגן פון סאַאַר־געביט. דאָס איז דאָך, לויט זיי, דורכאױס דייטש. און די מערב־דיפּלאָמאַטיע גייט אויף דעם איין און דאָס סאַאַר־עביט ווערט אָנעשלאָסן אין דעם דריטן רייך. היטלער דערזעט שוין דאָ די גאַנצע שוואַכקייט פון דער מערב־וועלט און זיין אַפּעטיט וואַקסט. ער ווייסט, אַז ער קען זיך שוין פּערמעסטן אויף נאָך מער...

דאָס הויפּט־געווער פון היטלערן — דער אַנטיסעמיטיזם — ווערט איצט דויך זיין פּראָפּאַגאַנדע מיניסטער געבעלס, נאָך שטאַרקער און ברייטער צע־טראָגן איבער דער גאַנצער וועלט. די קו־קלוקס־קלאַן פּאַרטיי ווערט איצט נאָך מער געשטיצט. זיי קריגן גרויסע פינאַנציעלע מיטלען פון געבעלסן און זיי אַנטוויקלען נאָך אַ שטאַרקערע טעטיקייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. דאָס זעלבע איז מיט די מאסעלס אין ענגלאַנד. אין דער זעלבער צייט ווערט באַקאַנט, אַז ביי אַנטאָנעסקאָ, אין רומעניע, איז אַנטשטאַנען אַן אַנטיסעמי־טישע פּאַרטיי אונטערן נאָמען די „אייזערנע גוואַרדיע", וועלכע ווערט פי־נאַנסירט מיט אַ ברייטער האַנט פון די היטלעריסטן. אזוי, אַז ווו נאָר עס געפינט זיך אַ גרעסערער יידישער קיבוץ, ווערן דאָרט געשאַפן אַנטיסעמי־טישע באַנדעס, געשטיצט דורך געבעלסן, וועלכע פּאַרטומלען די מוחות פון די פעלקער און זייערע פּאָליטיקער.

די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען נארא און פאלאנגא אין פּוילן פּאַרשטאַרקן זייער ווילדע יידן־העצע. די נארא — אין די הויכשולן און די פּאַלאַנגא — אין דער עקאָנאָמיע, ווו זיי שטעלן אַוועק פּיקעטן ביי די יידישע געשעפטן און לאָזן ניט אַריין קיין קונים. זיי פאָטאָגראַפירן יעדן קריסט, וואָס טרעט אַרי־בער די שוועל פון אַ יידיש געשעפט. דער משומד, גלח טשעטשאַק, האַלט גיפ־טיקע יידן־העצערישע דרשות אין די קאָשציאָלן, אין זייערע געבעט־הייזער, אַזוי אַז דער אַנטיסעמיטיזם ווערט צעשפּרייט אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע קרייזן און די מוחות פון דער באַפעלקערונג ווערן צעטומלט. אויף דעם וואַרפט געבעלס גרויסע סומען, פאַר אַלע ווערט באַצאָלט פון אַ ברייטער דייטשער האַנט און די פעלקער מיט זייערע פירער ווערן ווירקלעך פאַר־טומלט. אפילו אין סיים (פּוילישער פּאַרלאַמענט) ווערט דער אַנטיסעמיטיזם געפּלאַפּלט דורך דער באַקאַנטער אַנטיסעמיטקע, פּריסטאַראָווע, וועלכע האָט

אַריינגעטראָגן פּראָיעקטן וועגן פאַרבאָטן די יידישע ריטועלע שחיטה. אין מיליטער מיניסטעריום, דאָס זעלבע ווי עס ווערט פאַרבאָטן צו געבן יידן באַשטעלונגען פאַר דעם מיליטער א. א. וו.

היטלערס אַפּעטיטן ווערן חוצפה־דיקער

אַריינברעכנדיק אַ צעטומלעניש אין דער וועלט קומט היטלער מיט נייע פּלענער. ער זוכט צו פאַראייניקן עסטרייך מיט דייטשלאַנד, ווייל עסט־רייך איז מקורבדיק מיט דייטשלאַנד צוליב דער שפּראַך א.א.וו. ווען דער עסטרייכישער קאַנצלער דאָלפוס, וועלכער איז געווען קעגן דעם דאָזיקן „אַנשלוס”, דערקלערנדיק, אַז עסטרייך איז אַ סוווערענע מלוכה, ווערט דער־מאָרדעט, דעמאָלט רעכנט זיך ניט היטלער מיט דער וועלט־מיינונג און די דייטשע חיילות מאַרשירן אַריין קיין עסטרייך. היטלער שטעלט די וועלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. די וועלט קוקט זיך צו צו די געשעענישן און שווייגט... דער קאַנצלער שושניג, קען זיך ניט העלפן.

ריבענטראָפּ, דער אַגענט פון היטלערן, העצט אין פּאָלק קעגן דעם צוויטן. ער פירט אַ פּאָליטיק פון אויפהעצן איין מלוכה קעגן דער צווייטער. ער טראָגט אַריין גרויסע צעטומלענישן אין דער וועלט. היטלער רייצט פּוילן קעגן איר שכן טשעכאָסלאָוואַקיע, אַז די זאַאָלזיא איז אַ היסטאָריש פּוילי־שער געביט, וועלכן פּוילן דאַרף צוריק באַקומען. פּוילן לאָזט זיך אָנציען און ווערט געפאַנגען אין דער דאָזיקער נעץ און זי דראָט טשעכאָסלאָוואַקיע מיט קריג. זי באַקומט דעם דאָזיקן געביט, די פּוילישע אַרמיי מאַרשירט אַריין אין זאַאָלזיא. אָבער פּוילן האָט שפּעטער פאַר דעם טייער באַצאָלט.

היטלער העצט אויף די ליטווינער קעגן פּוילן

היטלער העצט די ליטווינער קעגן פּוילן, אַז ווילנע איז ליטוויש און ער פאַרוויקלט פּוילן מיט ליטע אין אַ ביטערן שטרייט. ריבענטראָפּ צערייצט סטאַלינס אַפּעטיטן און גיט אים אָנצודייטן, אַז ער זאָל פאַרלאַנגען די פּוי־לישע מזרח־געביטן, אין וועלכע רוסלאַנד בויטיקט זיך און ער זאָגט צו, אַז דייטשלאַנד וועט די דאָזיקע פאָדערונג שטיצן. אויף אַזאַ אופן פירט דייטש־לאַנד אַריין אַ צעטומלעניש אין די מוחות פון דער וועלט. סטאַלין כאַפּט דאָס

אויף ווי אַן אבן־טוב, און שליסט מיט ריבענטראָפּן אַ ניט־אַגרעסיע־פּאַקט. סטאַלין גייט אפילו איין צו טוישן זיין אויסערן־מיניסטער, דעם ייד ליטוויַ־נאָוו, אויף מאָלאָטאָוון. אזוי געלונגט דייטשלאַנד אַריינצעטראָגן אַ צערייסונג צווישן די שכנישע מלוכות. און דאָס זעלבע ווערט אויך דורכגעפירט אין יעדן לאַנד, אינעוויניק. און אזוי איז עס אויך מיט דעם אַנטיסעמיטיזם. און דאָס אַלץ איז צוליב דעם, כדי מען זאָל ניט מערקן צו וואָס דייטשלאַנד גרייט זיך. און אזוי רוקט זיך אָן אויף דער וועלט די שרעקלעכע קאַטאַסט־ראָפע, וועלכע ווערט שוין אומפאַרמיידלעך און עס איז ניטאָ דער כוח וואָס זאָל עס קאָנען צוריקהאַלטן.

אַטענטאַט אויף אַ דייטשן דיפּלאָמאַט

אין פּאַריז קומט פאָר אַן אַטענטאַט אויף אַ דייטשן דיפּלאָמאַט. דעם דאָ־זיקן אַטענטאַט פירט דורך אַ יידישער יונגערמאַן, מיטן נאָמען גרינשפּאַן, אַלס פּראָטעסט קעגן די יידן־רדיפות און דאָס פאַרשפּרייטן פון אַנטיסעמיטיזם דורך די דייטשן אין דער וועלט. די היטלער־באַנדעס נוצן אויס זייערע העצעס קעגן די יידן מיט נאָך מער פאַרשאַרפקייט און צאָרן, ביי זיך אין לאַנד און אין דער גאָרער וועלט.

די קריסטאַל-נאַכט אין דייטשלאַנד

אויסנוצנדיק דעם אַטענטאַט פון דעם יידישן יונגנמאַן איבער דעם דייטשן דיפּלאָמאַט, פירן דורך די דייטשן אַ מאַסן־פּאָגראָם און שחיטות אי־בער די דייטשע יידן, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען: „די קריסטאַל נאַכט". אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן די דייטשן געהאַקט די אויס־שטעלונגס־פענצטער פון די יידישע פירמעס און געשעפטן, גערויבט, גע־שלאָגן און געמאָרדעט יידן אויף רעכטס און אויף לינקס און איבערהויפּט האָבן זיי פאַרברענט אין יענער נאַכט אומעטום די בתי מדרשים און די בתי כנסת. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע, גרויזאַמסטע פּאָגראָמען, וואָס די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט אויף יידן אָפיציעל. מיט דעם האָבן די היטלער־באַנדעס געוואָלט באַווייזן פאַר דער דייטשער באַפעלקערונג איר באַרעכטי־קונג אויף די אַנטיסעמיטישע, מערדערישע אַרויסטרעטונגען. די באַפעלקע־

רונג פּראָטעסטירט ניט קעגן די דאָזיקע גרויזאַמע פּאָגראָמען. פּאַרקערט, די מאַסן זיינען נאָך צופרידן מיט דעם, ווייל דער „פירער" היטלער האָט עקאָ־נאָמיש אויפגעריכט דייטשלאַנד, האָט געשאַפן אַרבעט פאַר מיליאָנען מענטשן און במילא קען ער איצט טאָן, וואָס ער וויל, אַלץ איז באַרעכטיקט. און געבעלס און שטרייכער לאָזן נאָך מער אין גאַנג זייער פּראָפּאַגאַנדע, זייער פאַרסמטן יידן־גיפט. זיי פילן אַז זיי זיינען צו דעם באַרעכטיקט.

היטלער הויבט אָן פאָדערן מיט חוצפּה...

היטלער רעכנט זיך שוין אינגאַנצן ניט מיט דער וועלט־מיינונג, פילנדיק אַז זיין פאָלק איז דורכאויס מיט אים. נאָכן אָנשלוס פון עסטרייך צו דעם דריטן רייך, קומט די ריי אויף טשעכאָסלאָוואַקיע. היטלער פאָדערט פון איר דעם סודעטן־געביט מיטן מאָטיוו, אַז אין דעם סודעטן־געביט לעבן די מער־הייט דייטשן און דעריבער וויל ער עס אַנעקסירן. די הויפּט־פירער פון דער מערב־וועלט, ווי דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער טשעמבערלען, מיט דעם פּאַראַסאָל, פאַרהאַנדלען מיט היטלערן און נאָך שווערע שטרייטערייען גיבן זיי היטלערן נאָך. און זיי קריגן פון אים, פון היטלערן, אַ הבטחה, אַז דאָס איז זיין לעצטע פאָדערונג און מער וועט ער שוין גאָרנישט פאַרלאַנגען.

דער ענגלישער מלוכה־מאַן, ניט רעכנענדיק זיך מיט די פירער פונם טשעכישן פאָלק, ווי: מאַסאַריק, בענעש א.א. און זייערע פּראָטעסטן, קומט נאָך היטלערס פאָדערונג. טשעמבערלען דערקלערט שפּעטער, אַז ער האָט געראַטעוועט דעם וועלט־שלום, ער האָט פאַרהיטן די וועלט פון אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז איר פאַרגעשטאַנען. היטלער איבערצייגט זיך ווידער אַמאָל אין דער שוואַכקייט און נאָכגיביקייט פון דער מערב־וועלט און ער זעט, אַז ער קען נאָך ווייטער גיין מיט זיינע פאָדערונגען. ער זעט איצט, אַז ער קען שוין פאַרנעמען טשעכאָסלאָוואַקיע, אָן וועלכע ניט איז פאַרהאַנדלונגען. נאָר ער וויל נאָך אַלץ מאַכן אַן אָנשטעל, ער וויל אַרויסווייזן, אַז ער איז אַ רודף־שלום און פאַרלאַנגט „בלויז" די סודעטן, וו עס לעבט אַ גרויסע דייטשע באַפעלקערונג.

היטלער שליסט דאַן אַן אָפּמאַך מיט מוסאָלינין און יאַפּאַן. עס שאַפט זיך די אַזוי גערופענע „אַקס".

גרויזאַמער אַקט קעגן די „אָסט-יודען"

עס קומט אַ שטרענגער באַפעל אויף די מזרח־יידן, די אַזוי גערופענע „אָסט־יודען", וועלכע וווינען שוין אין דייטשלאַנד זיבּט צענדליקער יאָרן, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן דייטשלאַנד אין אַ גאָר קורצן טערמין. דייטשלאַנד דער־קלערט, אַז די דאָזיקע יידן זיינען ניט אירע בירער און דעריבער פירן זיי אַ מאַסן־גירוש קעגן זיי. די אומגליקלעכע יידן ווערן געצוווּנגען צו פאַרקויפן זייערע פאַרמעגנס: געשעפטן, פאַבריקן, הייזער א. א. צו די דייטשן, פאַר שפּאָט־ביליקע פרייזן, אָבער אַרויספירן דאָס געלט פאַר זייערע פאַרקויפטע פאַרמעגנס האָבן די יידן קיין רעכט ניט. במילא קומט אויס, אַז זיי ווערן דורכ־אויס באַרויבט פון זייער האָב און גוטס. די יידן ווערן אַרויסגעשיקט צו דער פּוילישער גרענעץ בעירום ובחוסר כל. פּוילן וויל די דאָזיקע יידן ניט אויפ־נעמען. אָבער אונטערן שטאַרקן דרוק פון די דייטשן און פון דער עפנטלעכער מיינונג, ווערן די אַרויסגעטריבענע, אומגליקלעכע יידן אַריינגעלאָזט אין דער גרענעץ־שטאָט זבאָנשין, וווּ מען האָט געשאַפן אַ לאַגער פאַר די אַרויסגע־טריבענע.

היטלער נעמט זיך איצט צו „זיינע" יידן

פטור ווערנדיק פון די „אָסט־יודען", נעמט זיך היטלער איצט צו „זיינע יידן". טויזנטער יידן, וועלכע זיינען געווען אין דייטשלאַנד געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, ווערן אַן אַ פּאַרוואָס און אַן אַ פאַרוווּ, אַוועקגעשיקט אין די קאָנ־צענטראַציע לאַגערן פון בוכענוואַלד און דאַכאַו, וועלכע זיינען שוין געווען צוגעגרייט פון פריער. אויך ווערן אין די זעלבע לאַגערן דעפּאָרטירט דייטשע דעמאָקראַטישע און לינקע עסקנים. די מער אָנגעזעענע, פאַר זיי שעדלעכע, ווערן פאַרשוווּנדן און דערמאָרדעט.

היטלער ווייסט שוין איצט, אַז דאָס פאָלק איז דורכאויס מיט אים און ער קען אין לאַנד באַלעבאַטעווען ווי אים געפעלט.

היטלער שיקט זיינע דיווערסאַנטן

אין זיינע צוגרייטונגען צום קריג, האָט היטלער ניט בלויז צוגעגרייט כלי־משחית, מיט וועלכע ער זאָל קענען חרוב מאַכן, נאָר ער האָט אָנגעהויבן

דורכצופירן דיווערסיע־אַקטן אין די לענדער, וועלכע ער האָט בדעה געהאַט די ערשטע צו פאַרנעמען. זיין הויפּט־געווער איז דאָ דער אַנטיסעמיטיזם. ער ווייסט שוין אַז אין פּוילן, אין אוקראַינע, ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע א. א. וואַרטן אויף אים מיט אומגעדולד פאַרשיכורטע פון יידן־האַס. זיי וואַרטן דאָרט מיט צוגעגרייטע רויב־זעק, מעסערס, העק א.א. אויף צו פּאַקן דאָס אָנגערויבטע יידישע פאַרמעגן און מאָרדן און פּאָגראָמירן. און די רויבער־עלעמענטן אין די דאָזיקע לענדער וועלן דינען זיינע צילן, און ווערן זיינע געטרייע מיטהעלפּער.

אין דער זעלבער צייט, וואָס טשעמבערלען פאָרט אַרום איבער אייראָפּע און פאַרזיכערט די וועלט, אַז ער, שטילנדיק היטלערס אַפּעטיטן, האָט גע־ראַטעוועט דעם שלום, מאַכט דייטשלאַנד אינטענסיוועסטע צוגרייטונגען צו דער גרויסער מלחמה. איצט שטייט איר פאַר איין ציל: צוריק אָפּנעמען פּוילן, אוקראַינע א. א. פאַרלוירענע געביטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָפּ־נעמען די פעטע פעלדער. קיין שום כוח אין דער וועלט וואָלט שוין איצט ניט געקענט צוריקהאַלטן די דייטשע בעסטיע פון וואַרפן זיך אויף אָט די דאָזיקע געביטן. די היטלער־חיילות מאַרשירן אַריין קיין טשעכיע און באַזעצן דאָס גאַנצע לאַנד. היטלער הערט זיך ניט צו צו קיין שום וועלט־פּראָטעסטן. איצט קומט די רייע אויף פּוילן

דאָס טראַגישע יאָר 1939

די דייטשן הויבן אָן פּראָוואָצירן פּוילן. זיי פאַרלאַנגען פון איר, אַז זי זאָל זיי אָפּגעבן דעם דאַנציגער קאָרידאָר. די צעיושעטע היטלער־באַנדעס הויבן אָן מאַכן דעמאָנסטראַציעס אין דאַנציג און פאָדערן, אַז די פריי־שטאָט דאַנציג זאָל ווערן אָנגעשלאָסן צום דריטן רייך. זיי באַשמירן מיט האַקנקרייצן די פּוילישע פּאָסט־קעסטלעך, זיי רופן אַרויס אַוואַנטורעס און געשלעגערייען, זיי שאַפן אין שטאָט אַ פּאַניק, ווו דער הויכקאָמיסאַר שטראַסבורג קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט די היטלעריסטישע בעסטיעס. מאָמענטאַל ווערט פאַרשווונדן די ביז־איצטיקע קאָקעטעריע צווישן דייטשלאַנד און פּוילן. די דייטשן האָבן שוין ווי פאַרגעסן דעם ניט־אַגרעסיע־אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן געשלאָסן מיט פּוילן. די גרויסע ליפערונגען פון אויטאָמאָבילן קיין פּוילן

און פון פוילן קיין דייטשלאַנד — די פעטע שינקע מיט די פוטער און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן, ווערט אַלעס פאַרשוווּנדן. דער שווערלייביקער גערינג האָט שוין „פאַרגעסן״ די עכט וואָרעמע אויפנאַמעס, וואָס ער האָט אקאָרשט געהאַט אין פוילן, ווו ער איז געווען אויף יאַגד און פאַקטיש האָט ער דאָרט אויסגעפילט די פונקציע פון אַ מרגל, פון אַן עכטן שפּיאָן. די דייטשן וואַרפן איצט פון זיך אַראָפּ אַן פּניות די פּעל פון אַן אומשולדיקער שעפּסעלע און בלייבן שטיין מיט אויסגעשטשערעטע וואָלף־ציינער און זיינען גרייט יעדע מינוט צו וואַרפן זיך אויף פוילן און איינבייסן זיך אין איר לייב...

היטלער ווייסט, אַז ביי אים איז דאָס פאָלק דיסציפּלינירט, געהאָרכזאַם. זיינע מיטאַרבעטער, דער אינערן מיניסטער פריק, האָט אַ שטאַרקן איבער־זיכט אין לאַנד.

הימלער, אַלס זיכערהייט מיניסטער האָט אַ שטאַרקן אַפּאַראַט אין זיין געשטאַפּאָ, ס־ס און ס־ד, ווו אין זיינע רייען זיינען די אַלע גרעסטע פאַרברע־כער, אונטערוועלט, סאַדיסטן, דעגענעראַטן. מאָרד און רויב — דאָס איז זייער עקזיסטענץ. מיט דעם אַפּאַראַט וועט ער קענען האַלטן הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין אַפּאַטיע און פּאַראַליזש.

דער כיטרער אויסערן־מיניסטער, ריבענטראָפּ, האָט אָפּגענאַרט די גאַנצע וועלט און אַלעמען געפירט אין באָד אַריין, ווי דעם כיטרען סטאַלין מיט זיין נישט אַגרעסיע פּאַקט און צוזאָג פון דעם פוילישן געביט, אַז ער זאָל עס קע־נען באַקומען.

דער כישוף־מאַכער, דער פינאַנץ מיניסטער שאַכט, וואָס האָט אַרויסגע־קריגן ביליאָנען דאָלאַרן כדי צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמיע אין דייטשלאַנד, האָט דאָס געלט באַנוצט אויף אויפצובויען דעם גרעסטן פּאָטענציאַל פון קריגס מכשירים, כדי צו קענען מאָרדן די גאַנצע וועלט. פון פוילן האָט ער אַרויס־באַקומען שינקן, פוטער, שפּעג און די בעסטע לעבנסמיטלען, כלומרשט פאַר ביליקע אויטאָס. זיי האָבן דרכאויס געוווּסט, אַז די אַלע אויטאָס וועלן זיי שפּעטער צוריק באַקומען, ווען זיי וועלן דאָס לאַנד, פוילן, אָקופּירן. דער הויקער געבעלס, פּראָפּאַגאַנדע מיניסטער, האָט מיטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט, געבראַכט די גרעסטע נוצן די היטלער־באַנדעס.

היטלער הויבט אָן קאָנצענטרירן מיליטער ביי די גרענעצן

די היטלער־באַנדעס באַזעצן אַלע גרענעצן אַרום פוילן מיט שטאַרקע

אַרמייען און זייַנען פּאַרטיק אָנצוהויבן זייער בליץ־קריג, צוערשט קעגן דעם מזרח און שפּעטער — קעגן דער גאַנצער וועלט. פּוילן הויבט זיך אָן צוצוגרייטן אויפצונעמען דעם שטאַרקן, ניט גלייכן קעגנער, דעם שווערן שונא. דאָס פאָלק ווייסט, אַז זיי זייַנען ניט אַליין — זיי האָבן פאַרבינדעטע: אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. דער פּוילישער פּירער, מאַרשאַל רידז־שמילי, האַלט רעדעס און גיט איבער דורך ראַדיאָ און פאַרזיכערט די באַפעלקערונג אַז פּוילן וועט קיין זאַך דעם דייטש ניט אָפּגעבן — ניט נאָר בלויז דעם קאָ־רידאָר דאַנציג, נאָר אפילו קיין קנאָפּ וועט ער ניט געבן. אזוי באַרויקט ער די באַפעלקערונג.

די היטלער־באַנדעס ווייסן, אַז זיי האָבן אָפּגענאַרט די גאַנצע וועלט און אויך די וועלט איז פאַראַליזירט און דערשראָקן. אַלע מזרח־שכנים זייַנען צווישן זיך צעריסן. די פּוילישע גרענעצן אַרום זייַנען אָפן און זייַנען פריי פאַר זיין אָקופּירן. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס געבעלס האָט פאַרשפּרייט אין אויסלאַנד, האָט אים געבראַכט גרויסע פּראָפיטן. די יידן אויף דער גאַנצער וועלט זייַנען פאַרמיאוסט און ער קען מיט זיי מאַכן וואָס ער וויל און קיין איין פאָלק אין דער וועלט וועט זיך ניט אינטערעסירן. אויף אַזאַ שטופּע האָט ער זיי אַראָפּגענידערט מיט זיין אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. איצט, די לענ־דער, וואָס ער פאַרנעמט זיך צו אָקופּירן, ווי: פּוילן, אוקראַינע א. אַ., ווייסט ער שוין גאַנץ גענוי, אַז עס וואַרטן שוין צענער מיליאָנען פון די דאָזיקע פעלקער באַלאָדן מיט מעסער, מיט העק און זעק צו רויבן און פּאָגראָמירן דאָס יידישע פאָלק. היטלער ווייסט, אַז די רויב־עלעמענטן וועלן אַרייַנטרעטן אין זייַנע רייען און זיי וועלן אים צוהעלפן צום זיג — צוערשט אין אייראָפּע און שפּעטער איינצונעמען די גאַנצע וועלט, בלויז צוליב דעם רויב און מאָרד פון די יידן. אַזוי באַשטימען די היטלער־באַנדעס אָן אומגעריכטן, פּלוצלונג־דיקן אָנפאַל אויף פּוילן.

ערשטער סעפּטעמבער 1939

אין דער נאַכט פון דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָט די דייטשע פּיראַטן־אַרמיי, ניט דערקלערנדיק פּוילן קיין קריג, מיט אַ מעכטיקן כוח פון טויזנטער באָמבאַוועס איבערגעפאַלן פּוילן און זיך אַרייַנגעריסן אין אירע

גרענעצן. דער אַנגריף איז געווען אַזאַ פּלוצלונגדיקער און אַזאַ מעכטיקער אַז די פּוילישע אַרמיי האָט ניט געקענט איינהאַלטן אירע פּאָזיציעס און האָט אין גרויס בהלה אָפּגעטרעטן.

זעקס שעה שפּעטער, ווען די היטלעריסטישע אַרמיי איז שוין געווען טיף אין לאַנד, איז ערשט געקומען די דייטשע קריגס־דערקלערונג.

די פּוילישע ראַדיאָ גיט איבער וועגן ברוטאַלן אָנפאַל פון די נאַצי־חיילות אויף פּוילן און רופט די באַפעלקערונג ניט אַריינצופאַלן אין קיין פּאַ־ניק. די ראַדיאָ גיט איבער וועגן פּאַרביסענע שלאַכטן, וואָס קומען פאָר אין פאַרשיידענע ערטער פון לאַנד און אַז דאָס פּוילישע מיליטער שטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד די דייטשע פּיראַטן.

שוין דעם ערשטן טאָג פון קריג ווערט וואַרשע, די פּוילישע הויפּט־שטאָט, פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכט־פעלד. אינדערפרי פליען שוין אַרום איבער דער שטאָט שווערע דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, וועלכע שיסן מיט טאָנען בליי און פייער אויף די קעפּ פון דער ציווילער באַפעלקערונג און עס זיינען שוין פאַראַן קרבנות. אין שטאָט אַנטשטייט אַ פּאַניק, די באַפעלקערונג איז צערודערט און דעזאָריענטירט. דער איבערגאַנג פון נאָרמאַלן לעבן אין פרידנס־צייט צום איצטיקן קריגס־צושטאַנד איז אַזאַ פּלוצלונגדיקער און אומגעריכטער, וואָס עס פאַרשטאַרקט נאָך מער די פּאַניק. די מענטשן ווייסן ניט ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן און זיך שיצן קעגן דעם שונאס אָנפליען און באָמבאַרדירונגען. זיי לויפן אַרום ווי פאַרסמטע איבער די גאַסן, באַהאַלטן זיך אויס אין די קעלערן און בונקערס און באַלד יאָגן זיי ווידער אַרום, ווי וואַנזיניקע, איבער די גאַסן פון שטאָט, פאַררייסנדיק יעדעס מאָל מיט שרעק די אויגן צום הימל, וועלכער איז באַלאַגערט מיט דייטשע עראָפּלאַנען, וועלכע זעען אויס אין אָפּשיין פון דער זון ווי מיסטעריעזע זילבער־פויגל. די פאַר־טיידיקונג פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט איז ניט ווי געהעריק אָרגאַניזירט. בלויז פון צייט צו צייט הערט מען זיך אָפּרופן די זעניט־האַרמאַטן און די דייטשע משחיתים פליען אַרום פראַנק און פריי איבער דער שטאָט.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, שוין גלייך דעם ערשטן טאָג פון קריג, איז דער אָנגריף פון שונא ניט בלויז פון דרויסן נאָר אויך פון אינעווייניק. צו מיר

אין פאַבריק איז אין ערשטן טאָג פון קריג אַריינגעפאַלן דער שטאָט־פּרעזי־דענט פון בידגאָשטש, ה׳ כאַנטשעווסקי, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, און ער גיט מיר איבער, אַז ביינאַכט איז ביי אים אין שטאָט פאָרגעקומען אַ שרעק־לעכע שחיטה — די אָרטיקע דייטשן זיינען באַפאַלן און אויסגעקוילעט אַ סך פּאָליאַקן. די אַן ערך צוויי מיליאָן פיר הונדערט טויזנט דייטשן, וואָס האָבן גע־לעבט אין פּוילן, זיינען אין זייער גרעסטן טייל צוגעגרייט געוורן צו דער איצ־טיקער סיטואַציע און זיי נעמען אַן אַקטיווע ראָל אין די קריגס־אָפּעראַציעס: זיי העלפן פאַרגרעסערן די פּאַניק און כאַאָס, רופן אַרויס שריפות און אַנדירע דיווערסיע־אַקטן, זיי גיבן איבער דעם שונא ליכט־צייכנס ווו צו באָמבאַרדירן און אַזוי ווייטער.

די דייטשע אַרמייען שניידן זיך מיט אַ געוואַלדיקן טעמפּאָ אַלץ טיפער אין לאַנד אַריין און דערנענטערן זיך אַלץ מער צו דער הויפּט־שטאָט. דער כאַאָס אין שטאָט וואַקסט נאָך מער מיטן אַנקום פון צענדליקער טויזנטער פּלי־טים, וועלכע אַנטלויפן אין בהלה פון זייערע ווין־ערטער און מיינען צו גע־פינען שוץ אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט. אויך באַווייזן זיך אויף די וואַר־שעווער גאַסן צעקלאַפּטע טיילן פון דער פּוילישער אַרמיי. זייער צושטאַנד איז אַ קלאָגעדיקער — ווי זיי וואָלטן שוין חדשים־לאַנג געווען אויף די פראָנטן, אין די אָקאָפּעס. עס איז ממש שווער צו באַנעמען, ווי אַזוי זיינען די פּוילישע זעלנער, וועלכע האָבן געשמט מיט זייער אויסערלעכער עלעגאַנץ, אַזוי שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזעלכע אָפּגעריסענע, דערשלאָגענע פאַרשוינען, וואָס האָבן שוין מיט גאָרניט דערמאָנט זייער פריערדיגן זעלנע־רישן אויסזען.

די פּוילישע אַרמיי איז צעקלאַפּט

די פּאַניק און פאַרצווייפלונג אין דער שטאָט וואַרשע וואַקסט נאָך מער ווען מען דערוויסט זיך, אַז די רעגירונג און די העכערע אַרמיי־אָנפירונג קלייבן זיך צו מאַכן פּליטה קיין אויסלאַנד. באַלד ווערט קלאָר, אַז די פּוילישע אַרמיי איז צעקלאַפּט און צעבראָקלט און קען שוין ניט שטעלן קיין גהעריקן ווידערשטאַנד דעם מעכטיקן דייטשן קריגס־מעכאַניזם. קיינער גלויבט מער ניט די פאַרזיכערונגען פון ראַדיאָ און דער פּרעסע, אַז דאָס פּוילישע מיליטער שטעלט אַ העפטיקן און העלדישן ווידערשטאַנד דעם שונא, און ווערט מיט ערע

פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן די דייטשע האָרדעס. די ידיעות, וועלכע עס ברענגען די פּליטים, די צעשלאָגענע אַרמיי־טיילן, וואָס קומען אָן אין שטאָט אויך די לאַגע פון וואַרשע — דאָס אַלץ רעדט פּונקט דעם היפּוך צו די אָפּי־ציעלע פאַרזיכערונגען.

אין שטאָט פילט זיך אַ מאַנגל אין שפּייז. די געשעפטן זיינען פאַרקלאַפּט. די דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען פליען פראַנק און פריי אַרום, אין מיטן העלן טאָג און זייען טויט און חורבן.

הונדערטער טויזנטער מענטשן פאַרלאָזן וואַרשע

דעם זיבעטן סעפּטעמבער ווענדט זיך דער פּרעזידענט פון דער הויפּט־שטאָט, סטאַזשינסקי, אַז אַלע מענער — יונג און אַלט — זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע, כדי ניט אַריינצופאַלן צום שונא אין די הענט. באַגינען זיינען אַלע גאַסן, וואָס פירן צו דער פאָרשטאָט פּראַגע־מזרח, באַלאַגערט פון צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען און קינדער, וועלכע פאַרלאָזן די שטאָט און לאָזן זיך אין דער ריכטונג צום מזרח. דער שאָסיי וואָס פירט קיין קאַלושין, לובלין, בריסק איז שוואַרץ פון מענטשן. באַלד באַווייזן זיך דייטשע עראָפּלאַנען און זיי באָמבאַרדירן די שוצלאָזע מענטשן אין מיטן וועג. זיי לאָזן זיך אַראָפּ גאָר נידעריק איבער די וועגן און באַשיסן די שטראָמיקע מאַסן פון מאַשין־ביקסן. טויזנטער פאַרלירן דאָ זייערע לעבנס און די הרוגים בלייבן ליגן אויף די וועגן. מענטשן וואַרפן אַוועק זייערע קלומיקלעך און פּעקלעך, דאָס סאַמע סאַמע בויטיקסטע אָדער סאַמע טייערסטע, וואָס זיי האָבן מיט זיך פאַרכאַפּט. יעדע זאַך איז איצט איבעריק, עס באַשווערט דאָס אַנטלויפן. אָפּעריסענע זעלנער, רעשטלעך אַרמייען שלעפּן זיך אויף די וועגן, צוזאַמען מיט דער ציווילער באַפעלקערונג. זיי זיינען אויך איבערגעלאָזן געוואָרן אויף הפקר און זיי שלעפּן זיך איצט אַרום איבער אַלע וועגן, ניט וויסנדיק ווו זיך אַהינצוטאָן און ווי אַזוי זיי קענען נאָך זיין נוציק פאַר זייער פאָטערלאַנד.

די הויפּט־שטאָט איז אַרומגערינגלט

די דייטשע האָרדעס שטייען שוין ביי די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט. די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע נעמט איבער דער שטאָט־פּרעזידענט, סטאַ־

זשינסקי, וועלכער ווענדט זיך צו דער באַפעלקערונג צו קעמפן אויף לעבן און טויט און זיך ניט אונטערגעבן דעם שונא. די באַפעלקערונג רופט זיך וואַרעם אָפּ אויף זיין ווענדונג און שטעלט זיך אין געשלאָסענע רייען צו פאַר־טיידיקן זייער באַליבטע שטאָט וואַרשע. עס ווערן תיכף אָנגענומען פיבער־האַפטע שריט. עס ווערן געגראָבן שוץ־גרובנס אַרום דער שטאָט און פאַר־טיידיקונגס־פּאָזיציעס אויף די גאַסן.

גאַנץ פּוילן איז שוין איצט אין די הענט פון שונא. בלויז וואַרשע האַלט זיך נאָך און גיט זיך ניט אונטער.

מיט דער גאַנצער ווילדקייט און גרויזאַמקייט וואַרפט זיך דער שונא אויף דער העלדישער שטאָט. טויזנטער באָמבעס רייסן אומאויפהערלעך אויף אין אַלע טיילן פון שטאָט. אומעטום וואַלגערן זיך מאַסן הרוגים, טיילן פון צעריסענע, צעשמעטערטע קערפּערס. אין שטאָט הערשט אַ שרעקלעכער הונגער — עס איז ניטאָ קיין וואַסער, קיין ליכט, פון אומעטום, אומעטום טראָגן זיך צו די הימלען קנוילן רויך און פלאַמען פון שריפות.

וואַרשע קעמפט פאַרביסן

וואַרשע גיט זיך ניט אונטער. די באַפעלקערונג צוזאַמען מיט די צע־קלאַפּטע מיליטער־גרופּן, וועלכע געפינען זיך אין שטאָט, פירן אַ העלדישן קאַמף מיט די דייטשע באַוואָפנטע חיילות און לאָזן זיי ניט אַריין אין שטאָט. מען גיט איבער וועגן דער העלדישקייט פון קינדער, וועלכע וואַרפן זיך מיט פלעשער בענזין אויף דייטשע טאַנקן און די קינדער ווערן פאַרברענט צוזאַמען מיט די דייטשע זעלנער.

וואַרשע קאַפּיטולירט

דעם 26־טן סעפּטעמבער, ווען די לאַגע איז שוין אינגאַנצן אויסזיכטלאָז און די באַפעלקערונג איז דורכאויס אַפּאַטיש, באַשליסט דער שטאָט־פּרעזי־דענט סטאַזשינסקי צו קאַפּיטולירן און זיך אונטערגעבן די דייטשן. מען הענגט אַרויס אַ ווייסע פאָן...

אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָכן אַרויסהענגען די ווייסע פאָן באַווייזט זיך דער ערשטער פאַרפּאָסטן פון שונא — דייטשע סאָלדאַטן אויף מאָטאָציקלען, ווי

שטיקער שטאָל. באַלד הויבן אָן פון אַלע זייטן שטאָט אַריינצומאַרשירן פאַר־שיידענע מיליטערישע פאָרמאַציעס. מען איז דערשטוינט צו זען די געוואַל־דיקע מיליטערישע מאַכינע, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דער, כמעט אומבאַ־וואָפנטער ציווילער באַפעלקערונג פון וואַרשע. מיט פאַרריסענע, זיגערישע מינעס, מאַרשירן זיי, זינגענדיק די האָרסט־וועסל און אַנדערע נאַצישע לידער.

וואַרשע ברענט. ניטאָ קיין איין גאַנץ הויז. אַלץ איז פאַרניכטעט, חרוב. אויף די גאַסן וואַלגערן זיך הרודעס שטיינער, מענטשן, פערד, שטוב־חיות. צווישן דעם אַלעם בלאָנקען אַרום האַלב־וואַנזיניקע מענטשן, וואָס זוכן זייערע קינדער, פרויען, מענער, שטוב־זאַכן און עפּעס, מיט וואָס צו שטילן דעם נאָגנדיקן הונגער.

מענטשן הויבן אָן אַרויסצוקריכן פון די לעכער, קעלערס, בונקערס, ווו מען איז געלעגן אויסבאַהאַלטן. איינער דערקענט ניט דעם צווייטן. פאַר די פאַר וואָכן האָט מען פאַרלוירן דעם צלם אלוקים: מען איז געוואָרן פאַר־שוואַרצט, פאַרבלאָטיקט, אָפּגעסמאַליעט פון די פלאַמען און די שריפות.

צו ביסלעך קומען די מענטשן צוריק צו זיך. נאָך אַ פּאָר וואָכן כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען, קוקן דעם טויט אין די אויגן — אָטעמט מען איצט אָפּ אַביסל פרייער. אויך די יידן קריכן אַרויס פון די לעכער און באַהעלטענישן. זיי האָבן צוזאַמען מיט אַלעמען אָנטיילגענומען אין דער פאַרטיידיקונג פון שטאָט, אַקסל ביי אַקסל מיט די פּאָליאַקן האָבן זיי געקעמפט קעגן געמיינזאַ־מען שונא. אין דער צייט איז פאַרשוונדן ביי זייערע פּוילישע שכנים די שטענדיקע שנאה און אומצוטרוי צו די יידן. דער דייטש האָט אין דער זעלבער מאָס באַדראָט די יידן ווי די פּאָליאַקן און זיי האָבן צוזאַמען געפירט דעם קאַמף קעגן אים.

פוילן איז צעטיילט צווישן היטלער און סטאַלינען

טיף עמאָציאָנעל ווערט די באַפעלקערונג דערשטוינט, ווען זי דערוווסט זיך, אַז די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען די פּוילישע מזרח־געביטן. די צעטיילונג פון פוילן איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּ־מאַך, נאָך פון פריער. ווי באַוווסט איז דער דאָזיקער אָפּמאַך געוואָרן דורכ־

געפירט געהיים. נאַטירלעך, אַז איצט ווען פוילן איז שוין געווען אין אַזאַ געפאַלענער סיטואַציע, אַז עס איז קיינעם אפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען צו טראַכטן וועגן אַ זעלבסשטענדיקער פוילן. די פּאָליאַקן אַליין האָבן זיך שוין פון דעם פולשטענדיק מיאש געווען.

עס קומט דער ערשטער שווינדל, וואָס די דייטשן פירן אויס אין פוילן.

די דייטשע מערדער זוכן צו געווינען די סימפּאַטיעס פון דער פוילישער באַפעלקערונג

באַלד ווערט באַקאַנט, אַז די דייטשן שטעלן אויף פעלד־קיכן אין אַלע עקן שטאָט. אין פאַרשיידענע ראַיאָנען און פּלעצער און טיילן פאַר אַלעמען, אָן אויסנאַם, אַרבעס־זופּ מיט גוליאַש, וואָס פאַרשמעקט די גאַנצע שטאָט. טראָגט דעם שטיקנדיקן ריח פון די ברענענדיקע געביידעס, פון די זיך אַרומ־וואַלגערנדיקע הרוגים — פאַרכאַפּט אָבער דער ריח פון זייער גוליאַש דעם אָטעם און מען פילט ניט די שלעכטע ריחות פון דעם אַרום. ביי די פעלד־קיכן שטייען צופרידענע, שמייכלענדיקע דייטשן און האַלטן רעדעס, אַז דער דאָ־זיקער מאכל ווערט פאַר אַלעמען — פאַר די גרויסע אויסגעהונגערטע מאַסן — געטיילט פריי. מענטשן שטוינען פון דער ברייטער באַרמהאַרציקייט פון די דייטשן. מענטשן לויפן מיט טעפּלעך כאַפּן די דאָזיקע זופּ. ביי די פעלד־קיכן שטייען טויזנטער פאַרשמאַכטע, אויסגעהונגערטע מענטשן אין די רייען און די דייטשן מיט זייער „גוטן שמייכל" טיילן די זופּ און דערקלערן דערביי, אַז זיי זיינען געקומען אַהערצו ניט אַלס דעראָבערער, נאָר אַלס באַפרייער און זיי לאָכן אויס די פּוילישע רעגירונג, וועלכע האָט איבערגעלאָזט די באַ־פעלקערונג אויף גאָטס באַראָט און איז אַליין אַנטלאָפן.

די זופּ באַקומען אַלע, אָן אונטערשייד, יידן און קריסטן. די באַפעלקע־רונג קען נאָך ניט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט נעכטן האָבן זיי, די דייטשן, אַזוי אכזריותדיק געוואָרפן באָמבעס, געברענט און געמאָרדעט, אַלץ רואינירט און היינט זיינען זיי אַזוי ליבנסווירדיק און צו אַלעמען גוט געשטימט און טיילן אומזיסט עסן!... ווער ווייסט וואָס דאָס בדייט? אפשר, טראַכטן זיך אַנדערע, איז דאָס וואָס מען האָט אַזוי שלעכט גערעדט וועגן די דייטשן, נאָר

פראָפּאַגאַנדע, אפשר זיינען זיי גאָר ניט אזוי שלעכט ווי מען האָט זיי געשילדערט? אפשר וועט גאָר ניט אזוי שלעכט זיין, ווי מען האָט דערוואַרט? אפשר וועט מען מיט זיי, מיט די דייטשן, קענען דורכלעבן דעם קריג?

די נעכטיקע פּוילישע „פּאַטריאָטן" הויבן אָן אַרויסווייזן זייער אמתן פּרצוף

אָבער איינצייטיק מיטן ליבנסווירדיקן און שמייכלענדיקן פאַרטיילן די זופּן, באַווייזן זיך אויף די גאַסן מעלדונגען — פאַראָרדנונגען און דראָאונגען מיט טויט־שטראָף, פאַר ניט דערפילן זייערע פאַראָרדנונגען, אזוי ווי זיי פאַרלאַנגען עס. דאָס פּוילישע מיליטער ווערט אַנטוואָפנט און ערגעץ־ווו אַוועקגעפירט. אויף די גאַסן באַווייזן זיך די נעכטיקע „געטרייע פּאַטריאָטן" פון פּוילן — די אוקראַינער, ווייסרוסן, רוסן, פאָלקס־דייטשן און אויך פּאָליאַקן, מיט האַקנקרייץ־לענטעס. די אַלע זיינען שוין איצט אַרויסעקראָכן פון זייערע לעכער און שטעלן זיך באַלד צו דער דינסט פון אָקופּאַנט. די דאָזיקע ווערעם, האָבן שוין פון לאַנג מיטגעאַרבעט מיטן דייטש אַלס פינפטע קאָלאָנע. זיי פירן אַרום זייערע נייע „באַלעבאַטים" איבער די אַלע אינסטיטוציעס, פאַראיינען, קלובן און נעמען דאָרט אויף די רשימות פון זייערע מיטגלידער און אָנפירער. אין דער ערשטער נאַכט פון זייער אַריינקום ווערט דורכגעפירט אַן אמתער פּאָגראָם איבער דער פּוילישער אינטעליגענץ, אינטעלעקטועלע פירער פון אינסטיטוציעס, פאַראיינען און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, לויט די צוזאַמענגעשטעלטע רשימות פון די פאָלקס־דייטשן, וואָס לעבן אין פּוילן. די אַלע פּוילישע פּערזענלעכקייטן ווערן צוגענומען אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט און קיינער ווייסט ניט ווו זיי ווערן פאַרשוואונדן. אזוי ווערן אין דער ערשטער נאַכט פון דער אָקופּאַציע פאַרשוואונדן די קאַרפּן־קעפּ פון דער פּוילישער העכערער עזעלשאַפט, פון דער אינטעליגענץ און קיינער ווייסט ניט ווו זיי קומען אַהין.

אויפן צווייטן טאָג פון זייער אַריינקום שטעלן זיך אויס ווידער אינדערפריפאַנע רייען מענטשן מיט טעפּלעך אין די הענט צו באַקומען זופּ. פונקט אזוי ווי נעכטן זיינען אין די רייען געווען אַ סך יידן, אָבער קיין זופּ האָבן זיי שוין דאָסמאָל ניט באַקומען. די דייטשן האָבן געמאָלדן, אַז די זופּ איז בלויז פאַר

פּאָליאַקן־אַריער און אין די רייען זיינען באַלד פּאַראַן פּאָליאַקן, וועלכע ווייזן אָן די דייטשן ווער עס איז אַ „יודע״. די יידן ווערן אַרויסעשטופּט פון די רייען, זיי ווערן געשלאָגן און ברוטאַל באַליידיקט. די גרעסטע טייל פּאָליאַקן קוקן זיך צו צו די דאָזיקע סצענעס מיט אַ פּאַסיווער גלייכגילטיקייט און אַנ־דערע שמייכלען אונטער און ווייזן אַרויס זייער צופרידנקייט.

אזוי שוין פון די ערשטע טעג ווייזן די דייטשן אַרויס פאַר די פּאָליאַקן אַז זיי וועט גאָר ניט געשען און אַז מיינען מיינט מען דורכאויס די יידן. אזוי האָט דער דייטש מיט זיין ביסל זופּ שוין איינגעקויפט זיך פריינט פון זיי, פון די פּאָליאַקן.

דער גרויסער רויב פון דעם יידישן פאָלק

באַלד אין די ערשטע טעג פון זייער אַריינמאַרש קיין וואַרשע, לאָזן זיך די דייטשן אַרויס, ווי פּיראַטן, מיט זייערע שווערע לאַסט־אויטאָס אין דעם יידישן האַנדלס־צענטער„ אונטער דער אָנפירונג פון די פאָלקס־דייטשן און הויבן אָן אויסצוליידיקן די יידישע געשעפטן. זיי לאָדן אָן זייערע וועגענער מיט יידישע מאַנופאַקטור, לעדער, גאַלאַנטעריי־סחורות א. א. און נאָך מער — די יידן ווערן געצווונגען אַליין אַרויסצוטראָגן די דאָזיקע פּעק סחורות און אַליין פאַרלאָדן אויף די דייטשע וועגן. די דאָזיקע פּראָצעדור חזרט זיך איבער יעדן פרימאָרגן. דאָס יידישע פאַרמעגן ווערט אזוי סיסטעמאַטיש אויסגע־רויבט יעדן טאָג און די יידישע געשעפטן ווערן אויסגעליידיקט פון זייערע סחורות און פאַרבלייבן מיט ליידיקע ווענט. דערביי ווערן די אייגנטימער פון די געשעפטן נאָך אכזריותדיק געשלאָגן.

די דייטשן באַזעצן די רעגירנג געביידעס אין וואַרשע. דער קאָמענדאַנט פישער באַזעצט זיך אין „פּאַלאַץ בריהל״, די געסטאַפּאָ אין די אַלייע שוכאַ.

פיל יידישע הייזער ווערן רעקוויזירט און ווערן באַזעצט פון דייטשן. מען גיט בלויז 20 מינוט צייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז און מען קען גאָרניט מיטנעמען מיט זיך. מען קריגט נאָך געשלאָגן.

די דייטשע מאַכט באַפעלט דער באַפעלקערונג צו שטעלן זיך צו דער נאָרמאַלער אַרבעט

די דייטשן פאָדערן אויף די פּוילישע באַפעלקערונג צו נאָרמאַליזירן דאָס

לעבן אין דער שטאָט וואַרשע. זיי הייסן אַלעמען שטעלן זיך צו זייערע טאָג־טעגלעכע פונקציעס אין די ביוראָען, אין די פאַבריקן, אין די געשעפטן, אין די וואַרשטאַטן, אין די פאַראיינען, אין די אינסטיטוציעס, פּאָליציי א. א. וו. די פּאָליאַקן הויבן אָן ביסלעכווייז אַריינצוגיין צוריק אין נאָרמאַלן טריב פון זייער לעבן. אָבער גאָר אַנדערש זעט אויס די לאַגע פון די יידן. זיי, די יידן, ווערן געשטעלט אויסערן געזעץ און במילא ווערן זיי הפקר. יידן ווערן גע־כאַפּט אין די גאַסן און ווערן אַרויסגעשלעפּט פון זייערע הייזער און פון די בתי מדרשים און ווערן געצוווּנגען אויסצופילן די סאַמע נידעריקסטע און שמוציקסטע אַרבעט, ווי: פאַרקערן די גאַסן, רייניקן די קלאָזעטן, מיסט־קאַסטנס און אַנדערע אומריינע ערטער.

עס זיינען די לעצטע סוכות־טעג. דער יידישער זמן שמחתנו ווערט פאַר־וואַנדלט אין טריוער־טעג. די דייטשן שלעפּן אַרויס די יידן פון די בתי מדר־שים אין זייערע טליתים און בגדי יום־טוב און צווינגען זיי צו גיין אויף פאַר־שיידענע אַרבעטן. די דייטשן גייט דאָ ניט באמת אין דער אַרבעט אַלס אַזעלכער, נאָר צו פּייניקן די יידן, דערנידעריקן זיי און מאַכן פון צונישט און צו גאָרנישט. זיי טוען אָן די יידן גרויסע יסורים: שניידן ביי זיי אָפּ די בערד, הייסן זיי שלאָגן צווישן זיך כדי זיך צו פאַרווילן דערביי, מאַכן חוזק פון די יידן און דאָס געפעלט זייער די פּאָליאַקן. מיט דעם קויפן זיי זיך איין פריינט ביי דער באַפעלקערונג. אַ סך פּאָליאַקן קוקן זיך צו מיט אַ באַזונדערער סאַ־טיספאַקציע צו די דאָזיקע סצענעס און ווינקן זיך איבער גוט־ברודעריש מיט די דייטשן.

עס קומט אַ באַפעל, אַז אַלע מוזן אָפּגעבן די דייטשן זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, אויסער די אוקראַינער, רוסן און פאָלקס־דייטשן.

די נייע דייטשע יידישע פּאָליטיק

דער יודנראַט

אין דער זעלבער צייט מאַכן די דייטשן באַקאַנט, אַז די יידן וועלן האָבן אַן אייגענע זעלבסטפאַרוואַלטונג אונטערן נאָמען „יודנראַט". די דייטשע מאַכט באַשטימט דעם אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו אַלס עלטסטן פון אַט

דעם יודנראַט, ווי אויך זיינע מיטהעלפער און אַ פּאָר זייער אנשטענדיקע פערזענלעכקייטן. אין אַלטן בנין פון דער יידישער גמינע, אויף גזשיבאָווסקע 26, הויבט אָן צו פונקציאָנירן די, אַזוי גערופענע, יידישע „זעלבסטפּאַר־וואַלטונג".

צוליב וואָס די דייטשן דאַרפן האָבן די יידישע „זעלבסטפּאַרוואַלטונג" ווערט באַלד קלאָר. די געסטאַפּאָ לייגט אַרויף אַ גרויסע קאָנטריבוציע אויף דער יידישער באַפעלקערונג און די אויפגאַבע פון יודנראַט דאַרף זיין, אַז די דאָזיקע סומע זאָל געשאַפן ווערן צו דער צייט און ווערן צוגעשטעלט. דער יודנראַט מאָביליזירט אַ גאַנצן אַפּאַראַט מיט מענטשן, וועלכע נעמען זיך מיט אייפער אויסצופירן די דייטשע פאַראָרדנונגען און באַפעלן. די געסטאַפּאָ איז אומבויגזאַם און ברוטאַל אין אירע פאַרלאַנגען. די מיטגלידער פון יודנראַט ווערן ניט איינמאָל געפּאַטשט פון זיי, פון די דייטשן. חוץ דעם „לעגאַלן" רויב אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע קאָנטריבוציעס, גייט אויך אָן אַ געוויינלעכער רויב. די דייטשן פאָרן צו מיט לאַסט־אויטאָס צו די יידישע געשעפטן און סחורה־סקלאַדעס און הייסן די באַלעבאַטים אַליין אַרויפלאַדעוון זייערע סחורות אויף די וועגענער. אזוי ווערן אויסגעראַבירט די גרעסערע יידישע געשעפטן. די סחורות ווערן גלייך געלאָדן אין וואַגאָנען און אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

פּוילישע פּרויען פון לייכטער אויפפירונג שליסן באַלד באַקאַנטשאַפט מיט די דייטשן. זיי גייען מיט זיי אַרום איבער די קלענערע יידישע געשעפטן וואָס זיינען נאָך אָפן אַ פּאָר שעה אין טאָג (די גרויסע זיינען שוין אויסגערויבט) און נעמען צו פון דאָרט, וואָס נאָר זיי געפעלט. וועגן באַצאָלן קומט ניט אין באַטראַכט. אויב עמעצער וואָגט צו זאָגן עפּעס אַ וואָרט וועגן דעם רויב, אזוי ווערט ער באַלד אכזריותדיק געשלאָגן. ניט אַלע פּאָליאַקן זיינען צופרידן פון זייער פּריווילעגירטער לאַגע און פון דעם אָפענעם רויב און מאָרד איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער זיי האָבן גאָר ניט צו זאָגן געגן דעם. דער פּוילישער פעבל האָט אין דער צייט געגומען די אויבערהאַנט און קיינער וואָגט ניט זיך מיט אים צו פאַרטשעפּען. דאָס וואָס היטלער האָט טאָקע געצילט, דאָס פעבל, צוערשט ביי זיך אין לאַנד און שפּעטער אין די פאַרנומענע געביטן.

אין שטאַט איז שוין טעטיק די פּוילישע פּאָליציי. קיין געווער געטרויט זיי ניט דער דייטש. זיי זיינען באַוואָפנט בלויז מיט שטעקנס. אין שטאָט זעט מען אויך אַ סך פּאָליאַקן, אוקראַאינער, ווייסרוסן מיט האַקנקרייץ־לענטעס. דאָס זיינען די אזוי גערופענע „פאָלקס־דויטשן". די וואָס האָבן זיך גלייך געשטעלט אין דינסט פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. זיי באַקומען געוויסע פּריווי־לעגיעס לגבי אַנדערע. אזוי ווערן באַלד אין די ערשטע טעג רעקוויזירט אַלע מעכאַנישע לאָקאָמאָציע־מיטלען. בלויז די פאָלקסדויטשן האָבן איצט אַ רעכט צו באַזיצן טאַקסיס און זיי באַקומען אויך צוגעטיילט קליינע ראַציעס בענזין.

דער צווייטער שווינדל

די דייטשע מאַכט גיט אַרויס ברויט־קאַרטן פאַר דער באַפעלקערונג. דאָ קומט שוין אין דער פולער מאָס צום אויסדרוק זייער פּאָליטיק פון צעטיילן די באַפעלקערונג אויף קאַטעגאָריעס, פון שאַפן מחיצות צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און גרופּעס, דאָס מיינט, אַז דורך די ברויט־קאַרטן קומט צום אויסדרוק די פונאַנדערטיילונג פון דער באַפעלקערונג אויף פּריווילע־גירטע און פון נידעריקער מדרגה. די סאַמע פּריווילעגירטסטע, וועלכע באַ־קומען ברויט־קאַרטן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע זיינען, פאַרשטייט זיך, די רייכסדייטשן. ווייטער גייען די פאָלקסדויטשן, אוקראַאינער, ווייסרוסן, רוסן און אויפן דריטן אָרט גייען די פּאָליאַקן. די יידן זיינען די לעצטע — דער שעיר לעזאזל, וועלכע באַקומען כמעט ווי גאָרנישט.

יעדן טאָג באַווייזן זיך מעלדונגען וועגן „אַריעריזירן" יידישע געשעפטן, ד. ה. אַז די געשעפטן ווערן צוגענומען ביי די יידן און זיי גייען איבער אין אַרישע הענט. די וואַרשטאַטן, פאַבריקן און אַנדערע אַרבעטס־אונטערנעמונ־גען בלייבן נאָך דערווייל ביי די יידן. אַזוי נאַרט מען די פּאָליאַקן מיט געבן זיי די יידישע פאַרמעגנס, אָבער זיי וואַרטן און קיין פאַרמעגנס קריגן זיי ניט. אָבער די סחורות און די רוי־שטאָפן ווערן צוגענומען און אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. די זאַכן און סחורות, וואָס עס איז ניט כדאי צו שיקן, ווערן דער־ווייל מאַגאַזינירט אין די מאַגאַזינען. אויף אַזאַ אופן שאַפט אין די דייטשע מאַכט פריינט פון צווישן די פּאָליאַקן. אפילו ביי די יידן זיינען שוין אויך דאָ

פריווילעגירטע, וועלכע רעקרוטירן זיך פון צווישן די מיטגלידער פון יודנ־ראַט א. א. די דייטשן קלאַפּן זיי איבער די פּלייצעס, אַז זיי זיינען „נוצלעכע יודען" און אויב זיי וועלן שטענדיק אויספּילן זייערע, די דייטשע באַפעלן, וועט זיי קיין שום בייז ניט געשען.

דער כלומרשטער אָפּמאַך מיט דעם יודנראַט

היות ווי אַ ייד האָט זיך ניט געקענט באַווייזן אין גאַס, ווייל באַלד האָט מען אים געכאַפּט און ערגעץ אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט אָדער אַנדערשוווּ, האָט איצט דער יודנראַט „אָפּגעמאַכט" מיט דער געסטאַפּאָ, אַז מען וועט אויפהערן צו כאַפּן אין די גאַסן אויף אַרבעט און אנשטאט דעם וועט, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, צוגעשטעלט ווערן דער נויטיקער קאָנטינגענט אַר־בעטער, וויפל זיי וועלן דאַרפן. פאַר די רייכערע יידן איז עס אַ פּריווילעגיע — זיי וועלן זיך קענען אויסקויפן פון דער אַרבעט, דורך שיקן אַנדערע אויף זייער אָרט. און אַזעלכע בעלנים פעלן ניט אויס, ווייל די נויט אין די יידישע געגנטן איז אַ שוידערלעכע און אַ סך זיינען להוט צו פאַרדינען די פינף זלאָטעס, אָס זיי באַקומען פאַרן פאַרטרעטן עמיצן אויף דער אַרבעט.

דאָס לעבן אין וואַרשע ווערט ביסלעכווייז נאָרמאַליזירט און די באַפעל־קערונג באַמיט זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. אָממייִנסטן פּאָליאַקן זיינען פּאַסיוו און פאַרהאַלטן זיך מיט רעזערוו צו דער איצטיקער לאַגע. אַ גרויסער טייל, דאַקעגן, איז צופרידן און זעט אויסצונוצן די לאַגע, וואָס שנעלער זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און „אָפּלעקן אַ ביינדל" פון דעם יידישן רויב. די פּוילישע אינטעליגענץ און טוער, וועלכע קענען מיט זיך פאָרשטעלן אַ געפאַר פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט, ווערן אין די נעכט אַרעסטירט און פאַרשווונדן אויף שטענדיק.

די דייטשע ראַפינירטקייט אַרבייט

אין שטאָט ווערן פאַרשפּרייט פאַרשיידענע פלוג־בלעטלעך, כלומרשט פון דער אונטערגרונט, אַז דער קריג וועט ניט לאַנג אָנהאַלטן, ווייל זיי, די דייטשן, וועט אויספעלן בענזין.

דער גרויסער שווינדל מיט דעם אָרעמבאַנד, וואָס יידן דאַרפן אָנטאָן

אין נאָוועמבער 1939 ווערט אַרויסגעגעבן אַ נייע פאַראָרדנונג פון דער דייטשער מאַכט, אַז אַלע יידן פון צען יאָר אַלט — דאַרפן טראָגן אַן אָרעמ־באַנד פון פיר צאָל די ברייט, מיט אַן אויסגענייטן מגן־דוד אויף אים. פאַר כאַפּן אַ יידן אָן אַן אָרעמבאַנד, ווערט געזאָגט אין דער מעלדונג, וועט ער באַ־קומען אַ גרויסע שטראָף. דער יודנראַט רופט די יידישע באַפעלקערונג צוצו־פּאַסן זיך צו דער דאָזיקער פאַראָרדנונג. און מיט דעם, ווערט געזאָגט אינם רוף פון יודנראַט, וועלן רעגולירט ווערן אַ סך פראַגן, וואָס אַנבעלאַנגט יידן.

אין דער אמתן איז דער יידישער „שאַנד־צייכן" געווען איינער פון די ערשטע ראַפינירטסטע מיטלען, וואָס די דייטשע מאַכט האָט אָנגענומען אויף אויסצוטיילן די באַפעלקערונג און נאָך שאַרפער קענען אָנגיין מיט זייערע רעפּרעסיעס אין איצטיקן מאָמענט ניט אַזוי קעגן יידן, ווי קעגן די פּאָליאַקן. נישט נאָר מען זאָל וויסן ווער עס איז אַ ייד, נאָר מען זאָל אויך וויסן ווער עס איז אַ פּאָליאַק. עס איז נאָך שטאַרקער אָנגעגאַנגען דאָס געיעג אויף דער פּוילישער אינטעליגענץ, אויף די פּוילישע פּאַטריאָטן. אויב אין די ערשטע טעג האָבן די דייטשן נאָך געקענט זיי אַרויסשלעפּן ביינאַכט פון די בעטן, איז דאָס שפּעטער שוין ניט געווען מעגלעך, ווייל די פּוילישע אינטעלעק־טואַלן האָבן זיך איצט אויסבאַהאַלטן. זיי זיינען אַוועק פון זייערע היימען אויף אַנדערע אַדרעסן. איצט איז דער געיעג אויף זיי פאָרגעקומען אויף גאָר אַן אַנדערן אופן.

פּלוצלונג, אין מיטן העלן טאָג, באַוויזן זיך אויף די גאַסן הונדערטער לאַסט־אויטאָס מיט געסטאַפּאָווצעס. די טראַמווייען ווערן מיטאַמאָל פאַר־האַלטן. דאָס זעלבע איז אויך מיט די אויטאָבוסן און אַלע מענער ווערן פאַר־האַלטן. זיי ווערן אַרויסגעשלעפּט פון די אויטאָבוסן און טראַמווייען. ניט גערירט ווערן גראָדע די יידן — זיי ווערן ניט פאַרהאַלטן. זיי, די יידן, האָבן נאָך רעכט דערוויל צו געניסן פון דער לאָקאָמאָציע. די יידן ווערן איצט, נאַטירלעך, דערקענט אַ דאַנק זייערע אָרעמבאַנדן. אויף דעם אופן ווייסן זיי ווער עס איז אַ פּאָליאַק. געהייסן האָט עס: „לאַפּאַנקאַ נאַ פּאָליאַקאָוו". אַזוי ווערן זיי די פּאָליאַקן, ד. ה. זייער אינטעליגענץ און אינטעלעקטן, אויסגע־רייניקט... ביי 15000 דעם איינעם טאָג בלויז.

אויסער דעם האָבן די אָרעמבאַנדן, וואָס די יידן האָבן געטראָגן, געהאַט דעם צוועק צו קענען זיך אַרויסווייזן מיט זייער געטריישאַפט פאַר די פּויליש מאַסן. ווען אַ יידישע פרוי, צום ביישפּיל, האָט זיך באַוויזן אין גאַס מיט אַ בעסערן מאַנטל און מען האָט איר, לויט דעם אָרעמבאַנד, דערקענט אַלס אַזאַ, איז באַלד צוגעקומען אַ דייטש און האָט ביי איר אַראָפּגעצויגן דעם מאַנטל און האָט אים אָפּגעגעבן אַ פּוילישער פרוי, וועלכע איז, אגב, געווען שטאַרק צופרידן פון דער „מתנה, וואָס זי האָט פון דעם דייטש באַקומען... דאָס איז געווען אַ מין ספּעקטאַקל, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געוואָלט אַרויסווייזן זייער „פריינטשאַפט" פאַר דעם פּוילישן פאָלק אויף יעדן געביט...

די דייטשע פּראָוואָקאַציע

די יידישע באַפעלקערונג ווערט דערשיטערט פון אַ גרויסן מאָרד דורך די דייטשן, וואָס האָבן אויסגעפירט אויף די נאַלעווקעס־גאַס נומער 9 אין וואַרשע. איבער 50 יידן, און האָבן נאָך געמוזט צאָלן אַ גרויסע סומע קאָנטריבוציע, מיטן אויסרייד, אַז יידן האָבן דערמאָרדעט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט. דאָס הייסט, אַז זיי שאַפן שוין געשיכטע אויף להבא, פאַר זייערע אַרכיוון.

די דייטשן באַרימען זיך מיט זייערע גרויסע נצחונות ביי דעם סקאַגעראַק אָדער קאַטעגאַט ביז נאַרוויק — אָסלאָ.

עס דערנענטערט זיך די ווייַנאַכט (קריסמעס)

דער יודנראַט איז איצט באַשעפטיקט ווי אַזוי צו באַזאָרגן די דייטשן און וואָס מערער צו געבן זיי מתנות לכבוד דער חגא — ווייַנאַכט. דער יודנראַט לויפט אַרום צו אַלע פאַרמעגלעכע יידן, כדי צו שאַפן די באַטרעפנדיקע סומע פאַר דעם דאָזיקן ציל. זיי האָבן געמיינט, אַז מיט דעם וועלן זיי לינדערן, ווי ווייט מעגלעך, זייער מערדערישע איינשטעלונג. ביים צונעמען די געבראַכטע זאַכן און געלט, האָבן זיי, די דייטשן, אַרויסגעוויזן זייער שמייכל מיטן „דאנקע שעין". אָבער באַלד האָבן זיי אַלץ „פאַרגעסן" און די חיה האָט זיך צוריק אַרויסגעוויזן אין איר גאַנצער נאַקעטקייט. טיילמאָל האָבן די יידישע פירער, פון וועמענס הענט זיי האָבן באַקומען די באַטרעפנדיקע מתנות, אפילו געקראָגן פעטש, באַליידיקונגען און האָבן ברוטאַל ווייטער געפאָדערט, אַז

מען זאָל זיי געבן... אזוי איז די געסטאַפּאָ אָנגעגאַנגען מיט אַט דעם שוידער־לעכן שפּיל, כדי וואָס מער אַרויסצופּרעסן פאַרמעגנס דורך דעם יודנראַט, פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די וואָך פון די ווייַנאַכטן, די דייטשן זייענדיק אָנגעזעטיקט מיט נצחונות, לויפן איצט אַרום איבער אַלע געשעפטן, וועלכע זיינען געפּאַקט פון די איצ־טיקע בעלי־בתים. אַלע זיינען באַלאָדן מיט פּעק און זיינען פריילעך אויפ־געלייגט. די פאָלקס־דייטשן מיט זייערע נייע פריינט אוקראַינער, ווייסרוסן, רוסן וואָס לעבן אין פּוילן נאָך פון זינט דער רעוואָלוציע, וועלכע זיינען איצט די פאַרבינדעטע פון די דייטשן און וועלכע האַלטן, אַז דער נצחון פון די דייטשן וועט זיין זייער נצחון. אזוי האָט זיי דער דייטש, אַלנפאַלס, פאַרזי־כערט. זיי זיינען איצט באַלאָדן אין אַ גאַנץ געהויבענער שטימונג, מיט זייער יום־טובדיקייט. די פּאָליאַקן, דאַקעגן, זיינען אומעטיק און אַפּאַטיש. מיטן אויסנאַם פון דעם פאַררעטערישן עלעמענט, וועלכער האָפט רייך צו ווערן, דורך אָנרויבן דאָס יידישע פאַרמעגן. די יידן זיינען אויך אין אַ בעסערער שטימונג. מען האָפט אָפּצוכאַפּן אַביסל דעם אָטעם, ווען די באַנדיטן, די מער־דער וועלן שיכורן און אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין די יידן. און אזוי איז טאַקע געוועזן. די יידן האָבן אַביסל געכאַפּט דעם אָטעם. אָבער, לײדער, ניט אויף לאַנג. באַלד נאָך ווייַנאַכט, איז געוואָרן אַ פינצטערע כאַפּעניש און מען האָט זיך ניט געקענט באַווייזן אויף דער גאַס.

אזוי האָבן, אין ליידן און יסורים, הונגער און קעלט, גרויסע פאַרפאָל־גונגען און מאָרד, די וואַרשעווער יידן דורכגעמאַכט דעם ערשטן ביטערן שווערן, קאַלטן ווינטער אונטער דעם גרויזאַמען שונא.

דער אָנקום פון פרילינג

עס דערנענטערט זיך פּסח. אין דרויסן ווערט וואַרעמער. אויך די שטי־מונג און האָפנונגען פאַרבעסערן זיך מיטן אָנקום פון די פרילינג־טעג. די האָפנונגען פאַרבינדט מען מיט דעם, וואָס עס קורסירן כסדר די מכלומרשטע פאַרשידענע בלעטלעך און קלאַנגען, אַז די דייטשע בענזין־זאַפּאַסן זיינען אינגאַנצן אויסגעשעפּט און דער קריג מוז זיך באַלד ענדיקן, אַמלענגסטן נאָך אַ פּאָר וואָכן.

חוץ די געוויינלעכע נגישות און רדיפות, ווי דאָס כאַפּן אויף אַרבעט, טראָגן דעם „יידישן „שאַנד־צייכן״, די פאַרשיידענע קאָנטריבוציעס, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט א. א. הערט מען אויך פון צייט צו צייט וועגן עקזעקו־ציעס איבער יידן. אויף יעדער עקזעקוציע איז באַלד דאָ אַן אויפקלערונג: ביי דעם ייד האָט מען כלומרש געפונען דאָלאַרן, אַ צווייטער האָט געשאַכטן אַ קעלבל א. א. וו. אָבער די אַלע עקזעקוציעס זיינען געווען בלויז טעראָר, מען זאָל זיך שרעקן און מען זאָל ניט וואַגן צו מאַכן סאַבאָטאַזש א. א. וו.

אין דער זעלבער צייט ווערט וואַרשע עלעקטריזירט פון אַ מאַסן־עקזעקוציע איבער הונדערט און פופציק פּאָליאַקן. בעת אַן אַוואַנטורע און פּראָוואָקאַציע פון די דייטשן צוליב אַ מיידל אין אַ פּוילישן רעסטאָראַן אויף דער גראָ־כאָווסקע גאַס, האָט אַ פּאָליאַק אַ פּאַטש געטאָן אַ דייטשן זעלנער, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צו אַ מיידל און דערפאַר האָט מען פאַרהאַלטן אין דער אַרומיקער געגנט הונדערט און פופציק פּאָליאַקן און זיי דערשאָסן. דעם איי־גנטימער פון רעסטאָראַן האָט מען אויפגעהאָנגען אויף דער טיר, ווו ער איז געהאָנגען אַ פּאָר טעג. די דאָזיקע בלוט־באָד איבער די פּאָליאַקן האָט זיי אָבער גאָרניט געלערנט; די רציחות איבער די יידן האָט זיי פאַרשטעלט די אויגן זיי זאָלן ניט זען, אַז נאָכן דערלעדיקן מיט די יידן, וועלן זיי, די פּאָ־ליאַקן, טיילן דעם זעלבן גורל. די וואָס האָבן עס יאָ פאַרשטאַנען, זיינען גע־ווען בלויז אַ נישטיקע מינדערהייט און זיי האָבן, ביי די הערשנדיקע טעראָר־מיטלען, געקענט זייער ווייניק אויפטאָן.

אזוי ווערן יידן עפנטלעך געשלאָגן און באַליידיקט, אַז די פּאָליאַקן זאָלן מיינען, אַז מען מיינט נאָר די יידן און זיי זאָלן זיך פילן געהויבענער. אָבער מיט דער צייט קריגן זיי מערדערישע קלעפּ פון דייטש און זיי לערנען גאָרניט פון דעם. אזוי אַרבעט די דייטשע ראַפינירטקייט מיט פאַרשידענע דייטשע גנבישע שטיק...

די לאַגע אויף דער פּראָווינץ

די נייעס וואָס קומען פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך זיינען פאַר־שידענע און זיי זיינען סותר איינע די צווייטע. אָט גיט מען איבער וועגן דעם, אַז די יידישע בעלי־מלאכות, ווי: שניידער, שוסטער א. א. לעבט זיך ניט

שלעכט, זיי האָבן אַרבעט פון די דייטשן און די לעצטע באַזאָרגן זיי אפילו מיט לעבנסמיטלען. אַנדערע ידיעות, דאַקעגן, גיבן איבער וועגן פולשטענ־דיקן הפקר פון יידישן פאַרמעגן און לעבן; די דייטשן באַגייען זיך מיט זיי זייער אכזריותדיק, עס קומען פאָר אָפטע עקזעקוציעס און דערשיסונגען. פון די אַלע ידיעות איז שווער זיך צו שאַפן אַ ריכטיק בילד, ווי עס זעט אויס דאָס לעבן אין די יידישע שטעטלעך. כאָטש איינס איז קלאָר, אַז אומעטום קענען די דייטשן טאָן און טוען טאַקע וואָס זייער האַרץ גלוסט נאָר. אָפּגעבן וועמען ניט איז אַ חשבון פאַר די אַנגערויבטע יידישע פאַרמעגנס און פאַרן אַוועקנעמען יידיש לעבן, דאַרפן זיי ניט.

קיין דערלויבעניש צו באַקן מצות אויף פסח גיבן די דייטשן ניט אַרויס. דער דזשאַינט פאַרטיילט אָבער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג צו אַ פּאָר מצות, ווי אויך ווייַן, רויטן באָרשטש און עטלעכע אייער. דערפאַר דאַרף מען אָבער אָפּגעבן די ברויט־קאַרטן פאַר אַ גאַנצן חודש... די שפּייזן ווערן פאַר־טיילט אין נאָזשיקס שול, אויף טוואַרדע זעקס.

די איגא סים פּראָוואָקאַציע מיט איר שווינדל

באַלד דעם זעלבן טאָג ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט פּוילן האָבן זיי זיך גענומען אויסצוראָטן די אינטעליגענץ. אין די נעכט ווערט די פּוילישע אינ־טעליגענץ: פּראָפעסאָרן, אינזשינערן, דאָקטוירים, די פירער פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אַרויסגענו־מען פון די בעטן און זיי פאַרשווינדן אויף אייביק. די דאָזיקע אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן אין די נעכט און זיי באַמיען זיך, אַז דאָס זאָל נישט דערגיין צו דער ברייטער עפנטלעכקייט.

אָבער צוגלייך מיט דער שטילער אַקציע פון אויסראָטען די פּוילישע אינטעליגענץ, קומט אויך פאָר אַן אָפענע פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ צוועק צו ווייזן דעם ברייטן עולם אויף וואָס זיי זיינען פעאיק, אויב מען וועט זיך אַנטקעגנשטעלן דער אָקופּאַציע־מאַכט אָדער דורכפירן „סאַ־באָטאַזש“, אַן אויסדרוק, מיט וועלכן די דייטשע מערדער האָבן ליב געהאַט זיך צו באַנוצן ביי יעדער געלעגנהייט. אַ געוויסן טאָג האָט מען געפונען דעם גרויסן, פּאָפּולערן און באַליבטן דורך דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג, פּוילישן אַרטיסט איגאָ סים, אַ דורכגעלעכערטן פון קוילן.

די דייטשן מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך די פּאָליאַקן, אַז זיי האָבן עס דער־שאָסן דעם גרויסן אַרטיסט אַלס נקמה דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן אַ פאָלקס־דויטש.

אין דער אמתן איז עס אָבער געווען פונקט פאַרקערט: איגאָ סים האָט נישט געוואָלט ווערן קיין פאָלקס־דויטש און פאַראַטן דאָס פּוילישע פאָלק. דאָס פּוילישע פאָלק האָט גרויס געמאַכט זיין נאָמען, האָט ער עס נישט גע־וואָלט פאַראַטן און מיטאַרבעטן מיטן אָקופּאַנט. האָבן די דייטשן אים אויס־געקליבן פאַר אַ קרבן, וואָס האָט זיי געדאַרפט ברענגען אַ טאָפּלטן נוצן: פּטור ווערן פון דעם גרויסן פּאָפּולערן אַרטיסט און פּאַטריאָט און נאָכן אַרויפוואַרפן אויף די פּאָליאַקן די שולד פאַר דעם, אַדורכפירן מאַסן־אַרעסטן און עקזעקוציעס. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן: אויף די באַלעבטע גאַסן פון וואַרשע ווערן אַדורכגעפירט אָפענע עקזעקוציעס פון פּאָליאַקן פאַרן דערשיסן דעם כלומרשטן פאָלקס־דויטש איגאָ סים.

אַזעלכע אָפענע פּראָוואָקאַציעס און עפנטלעכע עקזעקוציעס קומען פאָר איבערן גאַנצן לאַנד און אומעטום ווו זיי זיינען נאָר אַריינגעדרונגען, אין אַלע פאַרנומענע געביטן. מיט דעם זיינען זיי אויסן געווען, גלייך אין די ערשטע טעג, אַנצוואַרפן שרעק אויף דער באַפעלקערונג און איר האַלטן אין מורא.

אַזוי גייט אָן די דאָפּלטע, ראַפינירטע שפּיל פון די נאַצי־מערדער: גע־היימע אַרעסטן ביינאַכט, וועגן וועלכע זיי באַמיען זיך, אַז עס זאָל וואָס ווי־ניקער דערגיין צו דער עפנטלעכקייט און אָפענע אַרעסטן בייטאָג, וואָס זיי באַמיען זיך, דורך פּלאַקאַטן און באַקאַנטמאַכונגען, אַז וואָס ברייטערע שיכטן זאָלן וועגן דעם וויסן: געהיימען מאַסן־מאָרדן, וועלכע ווערן אָפּגעהיט אין שטרענגער געהיימניש און עפנטלעכע עקזעקוציעס, צו וועלכע מען טרייבט צונויף די באַפעלקערונג ביייצוזיין און וואָס מער מענטשן זאָלן זען.

וואָס שייך יידן, האָבן די נאַציס גלייך פון די ערשטע טעג פון אָקופּירן פּוילן, אָנגעווענדעט אָפענעם טעראָר און מאָרד. כמעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך ווערן, איינצלנע אָדער גרופּן יידן, באַלד אין די ערשטע טעג, אויפ־געהאָנגען אויף די מאַרק־פּלעצער. דאָס ווערט נאָך אויך דורכגעפירט מיט אַ צערעמאָניע פון לייענען די באַשולדיקונג, פאַרוואָס די יידן ווערן אויפ־געהאָנגען. די מאָטיוון זיינען שטענדיק געווען איין און די זעלבע: „סאַבאָ־טאַזש", נישט אויספאָלגן דער מאַכט, נישט אויספירן די דייטשע באַפעלן און ענלעכע טירוצים, וואָס האָבן געהאַט איין ציל: אָנצוואַרפן אַ שרעק און

פחד סיי אויף דער יידישער און נאָכמער אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען דאָך געווען אין אַ גרעסערער צאָל ווי די יידן און האָבן לויט זייער צאָלמעסיקייט, געקאָנט פאַרשאַפן גרעסערע צרות דעם אָקופּאַנט.

אזוי ווערט גלייך אין די ערשטע טעג אויסגעראָטן די פּוילישע אינטעליגענץ און אינטעלעקטואַלן, די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע טוער, די וועלכע האָבן, צוליב זייער פּאַטריאָטישן אָדער אַנטי־נאַצישן איינשטעל, געקאָנט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אָקופּאַנט און מיטציען מיט זיך גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכע זיי האָבן געהאַט סימפּאַטיקער און איינפלוס.

אַרויסגעהאָלפן אין דער דאָזיקער אויסראָטונגס־אַקציע האָבן זיי די העכער צוויי מיליאָן דייטשן און פאָלקס־דויטשן, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן. זיי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט פולע רשימות פון די אַלע, וואָס מען האָט געדאַרפן אָפּרוימען. די דאָזיקע דייטשן און פאָלקס־דויטשן זיינען שוין פון פריער געווען אָרגאַניזירט אין דינסט פון דריטן רייך, זיי האָבן ביזן קריג געפירט שפּיאָנאַזש און דיווערסיע־אַרבעט קעגן פּוילן און איצט האָבן זיי זיך געשטעלט אין אָפענעם דינסט פון דעם אָקופּאַנט.

דאָס סאַמע צביעותדיקסטע אין דער דאָזיקער לאַגע איז געווען דאָס דייטשע געריכטס־וועזן, די דייטשע „יוסטיץ״. אין דער זעלבער צייט וואָס מענטשלעך האָב־און־גוטס און מענטשלעך לעבן איז הפקר און אויסערן געזעץ, גייט אויך אָן דאָס געוויינלעכע געריכטס־וועזן. דאָרט קומען פאָר שטרייטן צוליב אַ פּאָר זלאָטעס צווישן פּאָליאַקן און דייטשן, צווישן יידן און פּאָליאַקן און עס טרעפט אפילו, אַז דער אָדער יענער ייד געווינט דעם פּראָצעס און מען משפט אים צו צו באַצאָלן אַזאַ און אַזאַ סומע. און בעת דאָ דינגען זיך די אַדוואָקאַטן מיט די ריכטער איבער דעם אות פון געזעץ, לאָזן זיך, אויף דער צווייטער זייט גאַס, די נאַציס ווילגיין: זיי רויבן און מאָרדן וויפיל זייער סאַדיסטיש האַרץ און דעגענערירטער מוח גלוסט נאָר.

די גאַנצע דייטשע פּאָליטיק איז באַשטאַנען אויף דעם גרעסטן שווינדל צו פאַרבלענדן די אויגן פון דער וועלט מען זאָל האָבן דעם איינדרוק, אַז אַלץ ווערט געפירט לויט דעם געזעץ, מיט פּאַראַגראַפן, אָבער זיי האָבן נישט אָנגעווענדעט קיין געזעץ. אַלץ איז געווען הפקר און גזילה.

עס זיינען געווען פאַלן ווען יידן האָבן געוווּנען, לויטן געזעץ, פון די דייטשע געריכטן. איך אַליין האָב געוווּנען אַ פּראָצעס פון די דייטשן — 2000 זלאָטעס, וואָס איך האָב געקראָגן אויסגעצאָלט יעדן חודש צו 200, ניט מער, אָבער ניט אַלץ האָב איך געקריגן.

איך באַקום אַ באַשטעלונג צו באַזאָרגן וואַרשע מיט... ריקשעס

אַלס אַ באַווייז, אַז ביי די דייטשן האַלט זייער שמאָל מיט בענזין, דינט איצט דער פאַקט, וואָס די דייטשע מאַכט האָט פאַראָרדנט צו לאָזן אין גאַנג אַ נייעם לאָקאָמאָציע־מיטל — ריקשעס. איצט איז מען שוין אינגאַנצן אי־בערצייגט וועגן מאַנגל אין בענזין, אויב מען מוז אָנקומען צו אַזעלכע דראַס־טישע מיטלען, ווי אַרויסציען די מאָטאָריזירטע לאָקאָמאָציע־מיטלען און איינשפּאַנען מענטשן צו שלעפּן די וועגעלעך. איך בין דער פּיאָנער פון אויס־אַרבעטן אָט די דאָזיקע ריקשעס. כאָטש איך בין אַ ייד און איך דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט פּראָדוקציע, דאָך באַקום איך אַ באַשטעלונג צו באַזאָרגן וואַרשע מיט ריקשעס. איך האָב ניט קיין חשק אָנצונעמען די דאָזיקע באַ־שטעלונג, אָבער דער דייטשער קאָנטראָליער פון פערקאַנס מאַשינען־פאַבריק בעט מיך אויסצופירן די אַרבעט און באַזאָרגט מיך גלייכצייטיק מיט די נוי־טיקע דערצו מאַטעריאַלן. איך פאַרטיק גיך אויס די ערשטע צוויי הונדערט ריקשעס, אויף וועלכע עס פיגורירט דער נאָמען פון מיין פירמע: „גוראַ״.

אַנטוישטע האָפענונגען

אַלע דערוואַרטונגען און האָפנונגען אויף דער מפּלה פון דעם דייטש און דעם סוף פון קריג ווערן זייער גיך צערונען. עס ווערט, מיט גרויס פּאָמפּע אין דער פּרעסע און ראַדיאָ, געמאָלדן, אַז דידייטשן זיינען מיט אַ ריזיקן כוח באַפאַלן פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענ־דיקן זיג. און די מאַזשינאָ־ליניע, אויף וועלכער מיר האָבן אזוי פיל האָפנונג, געלייגט, האָבן זיי אינגאַנצן אויסגעמיטן.

אויך ענגלאַנד באַרימט זיך מיט איר דערפאָלג, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס איר איז געלונגען אַרויסצוציען איר ריזיקע אַרמיי, אַרום דריי הונדערט טויזנט זעלנער, פון דונקירק. די דייטשע פּרעסע גיט איבער מיט חוזק וועגן דעם מיט וואָס ענגלאַנד באַרימט זיך. אויך פאַר אונז איז קלאָר, אַז אויב ענגלאַנד באַרימט זיך מיט אַזעלכע נצחונות, איז די לאַגע גאַר ניט קיין פריי־לעכע. אַ טייל פון די וואַרשעווער איינוווינער — פּאָליאַקן און יידן — האָבן די דאָזיקע דייטשע זיגן זייער שווער געטראָפן. די האָפנונגען, וואָס יעדער

איינער האָט געהאַט, אַז ביי דער מאַזשינאָ־ליניע און די האָלענדישע שליוזן וועט דער דייטש ברעכן האַלדז און נאַקן, זיינען ניט מקוים געוואָרן. אין גע־ציילטע טעג איז דאָס אַלץ שוין געווען אין זייערע, אין די נאַצישע, הענט.

טשערטשילס פּראָוויסזאָגונגען דערשיטערן אונדז יידן

די פּוילישע צייטונג „עקספּרעס פּאָראַנני" גיט איבער וועגן דער עקס־פּאָזע פונם נייעם ענגלישן פּרעמיער, ווינסטאָן טשערטשיל, וועלכער זעט פּאָרויס, אַז די מלחמה וועט זיך פאַרציען ביזן יאָר 1945 און וועט זיך ענדיקן מיט דער מפּלה פון דייטשלאַנד. דאַן וועט קומען דער גרויסער אָנגריף פון די אַלאירטע און די דייטשן וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע מפּלה. נאַטיר־לעך, די דייטשן לאַכן זיך אויס פון טשערטשילס נביאות און זיי באַרימען זיך, אַז זיי וועלן מיט „מולטערס" אַריבערשווימען דעם לאַמאַנש־קאַנאַל און אַ סוף מאַכן צו ענגלאַנד מיט איר דינאַסטיע. די באַפעלקערונג ווערט פון טשערטשילס נביאות צעבראָכן און אַפּאַטיש. זי קען ניט פאַרשטיין די באַ־דייטונג פון אַזאַ פּראָוויסזאָגונג.

דער מערדערישער שווינדל מיט די בריליאַנטן

אין וואַרשע ווערט פאַרשפּרייט אַ ידיעה, וועלכע קורסירט פון מויל צו מויל, אַז אַ זייער חשובער רבי, מיט אַ פּאָר פון זיינע נאָנטע חסידים, איז געלונגען אָפּיציעל אַרויסצופאָרן פון פּוילן. די דאָזיקע געשעעניש האָט, כלומרשט, געזאָלט זיין שטרענג געהיים, אָבער די געסטאַפּאָ האָט געטאָן אַלץ, אַז דאָס זאָל האָבן אַ וואָס גרעסערן אָפּקלאַנג צווישן דער יידישער באַפעל־קערונג פון וואַרשע און אויך אויסער וואַרשע. איז טאַקע נישט געווען קיין ייד אין וואַרשע, וואָס האָט וועגן דעם נישט געוווסט. אַ סך האָבן אַליין געזען פאָרן דעם רבין איבער די וואַרשעווער גאַסן אין דער באַגלייטונג פון געס־טאַפּאָ. די געסטאַפּאָ האָט אויך אַרומגעפירט דעם רבין איבער די גרעסערע שטעט פון פּוילן ווי: לאָדזש, קראָקע, כדי די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם, אַז דער רבי פאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד.

צווישן דעם רייכערן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע רופט די דאָזיקע געשעעניש אַרויס אַ טיפע אויפרודערונג: הייסט עס, אַז

פאַר געלט קען מען זיך אַרויסבאַקומען פון די דייטשע הענט און אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד?... אמת, אַז דאָס זעט אויס אינגאַנצן אומגלויבלעך. מיר האָבן זיך דאָך געפונען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט געקאָנט און האָט טאַקע צוגענומען אונדזערע פאַרמעגנס, אונדז באַרויבט און געמאָרדעט, אָבער פון דער צווייטער זייט, איז דאָך דער פאַקט מיטן רבין געווען אַ באַ־שיימפּערלעכער און קיינער האָט דאָך עס נישט געקענט אָפּלייקענען.

אויב ביז איצט איז געוויסע פאַרמעגלעכע מענטשן געלונגען, אויף פאַר־שידענע אופנים, זיך אַרויסצושמאַגלען פון לאַנד, איז עס געווען בלויז אויף די מזרח־גרענעצן און קיינמאָל נישט אויף מערב. אַהין איז דער צוטריט געווען אַבסאָלוט אָפּגעשלאָסן. איצט וואַכן אויף פרישע האָפענונגען, בפרט ווען אין גיכן ווערט באַקאַנט, אַז דער רבי און זיין סוויטע זיבען שוין, בשלום אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

די פאַרמעגלעכערע יידן הויבן אָן אינטענסיוו צו אַרבעטן און זוכן וועגן ווי אזוי אַרויסצופאָרן פון פּוילן. און לאַנג זוכן האָבן זיי נישט באַדאַרפט. באַלד האָבן זיך אין די רייכערע היימען באַוויזן פאַרמיטלער און פאַרגעלייגט, אַז פאַר 1000 דאָלאַר קאָנען זיי לעגאַל, אזוי ווי דער רבי, אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. דערביי האָבן די אַגענטן יעדן איינעם געוואָרנט, אַז דאָס אַלץ דאַרף זיין שטרענג געהיים און קיינער טאָר דערפון נישט וויסן. קיין בעלנים אויף אַרויסצופאָרן האָבן נישט געפעלט און הונדערטער מענטשן האָבן זיך רעגיסטרירט.אויב עמיצער פון די וויליקע אַרויסצופאָרן האָט פאַרגעלייגט צו געבן האַנט־געלט, האָבן די אַגענטן זיך דערפון אָפּגעזאָגט. זיי האָבן זיך אויך אָפּגעזאָגט צו נעמען העכערע סומעס ווי 1.000 דאָלאַר, אויב מען האָט זיי דאָס אָנגעשלאָגן. מיט דעם האָבן זיי זיך באַמיט צו געווינען דעם פולסטן צוטרוי פון די קאַנדידאַטן צום אַרויספאָרן. פאַרלאַנגט האָבן זיי בלויז די דאָקומענטן, כדי צו דערלעדיקן די רייזע־פאָרמאַליטעטן און די וויזעס.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די פּעטענטן באַקומען אָפיציעלע בלאַנקעטן פון דער געסטאַפּאָ, מיט גענויע פאָרשריפטן, וועלכע זאַכן מ׳קאָן מיט זיך מיטנעמען און אפילו ווי גרויס דער קופערט דאַרף זיין. לויט די פאָרשריפטן האָט מען געקאָנט מיטנעמען איין אַנצוג, אַ פּאָר וועש און שיך. דער קופערט דאַרף האָבן 50 צענטימעטער די ברייט און ביז 80 צענטימעטער די לענג.

פאַר די קאַנדידאַטן צום אַרויספאָרן הויבט זיך איצט אָן אַ פיבערדיקע אַרבעט זיך צוצוגרייטן צו דער רייזע און, אין דער ערשטער ריי, ווי אזוי אַרויסצופירן דאָס פאַרמעגן. דער איינציקער מיטל איז געווען זיך איינצו־

שאַפֿן ברילי‍אַנטן, וואָס דאָס איז געווען אַמלייכטסטן אַרויסצושמוגלען, איינ־נייענדיק זיי אין די הענטלעך און ווינקלען פֿון די קופֿערטס אָדער אין די דאָפּלטע דעקן. דער פּרייז פֿון ברילי‍אַנטן איז באַלד געשטיגן צו לעגענדאַרע פּרייזן. ווען די געסטאַפּאָ האָט געהאַלטן, אַז די יידן זיינען שוין „גרייט" צו דער רייזע, האָבן זיי יעדן פּעטענט געמאָלדן, אַז ער זאָל זיך, מיט זיינע זאַכן, צושטעלן אין האָטעל פּאָלסקי, אויף דער דלוגע גאַס. דאָ האָבן זיך געטראָפֿן גאַנצע פֿון דער משפּחה, וואָס איינער פֿון אַנדערן האָט נישט געוווּסט, אַז אויך ער איז צווישן די גליקלעכע אַרויסצופֿאָרן. נאָכן איינצאָלן די 1.000 דאָלאַר האָט יעדער איינער באַקומען זיין דאָקומענט. אַ געסטאַפּאָ־אָפֿיציר האָט געהאַלטן אַ שיינע רעדע פֿאַר די הונדערטער פֿאַרזאַמלטע און געוווּנטשן אַלעמען אַ גליקלעכע רייזע קיין פּאַלעסטינע. באַלד האָט מען אַלע אַרויסגע־זעצט אויף לאַסט־וועגענער און אָפּגעפֿירט... אין דער באַקאַנטער תּפֿיסה, דעם "פּאַוויאַק". דעם זעלבן טאָג זיינען אַלע דערשאָסן געוואָרן.

איצט איז שוין געווען קלאָר צוליב וואָס די גאַנצע שפּיל מיטן אַרויס־לאָזן דעם רבין איז צוגעגרייט געוואָרן. זיי האָבן מיט דעם אַרויסבאַקומען אַ גרויסן טייל פֿון יידישן פֿאַרמעגן און די באַהאַלטענע און פֿאַרשטעקטע ברילי‍אַנטן.

די זעלבע ראַפֿינירטע, מערדערישע שפּיל איז געמאַכט געוואָרן אין פֿאַר־שידענע שטעט אין פּוילן, מיט דעם קענען פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע, און אַ סך רייכע יידן האָבן זיך געלאָזט פֿאַנגן און האָבן פֿאַרלוירן דאָס לעבן.

אַ דייטשער פּילאָט גיט איבער אַ פּאַליאַק, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען געלערנט אין דער שולע אין היידעלבערג, אַז זיי, די דייטשן, האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה אין לאַמאַנש־קאַנאַל, ווו זיי האָבן פֿאַרלוירן טויזנטער עראָפּלאַנען און זיי וועלן קיינמאָל ניט קענען באַזיגן ענגלאַנד.

די דייטשן מעלדן, אַז זיי גייען שאַפֿן אַ יידישן קוואַרטאַל מיט יידישער פּאָליציי כדי צו שיצן די יידן פֿון די פּאָליאַקן

אַ לענגערע צייט האָט מען אַרום די גאַסן פֿון דער יידישער געגנט אין וואַרשע געמויערט ווענט. די דייטשן און דער יודנראַט האָבן געהאַלטן בסוד און קיין איין מענטש האָט ניט געוווּסט די באַדייטונג פֿון דעם. ווען די ווענט זיינען געוואָרן אויפֿגעשטעלט, האָבן די דייטשן דערקלערט, אַז זיי שאַפֿן פֿאַר די יידן אַ קוואַרטאַל, אַרומגענומען מיט אַ שוץ־וואַנט, כדי צו באַשיצן די

יידן פון אַן אָנפֿאַל מצד די פּאָליאַקן, וועלכע זיינען צו זיי, צו די יידן, פיינט־לעך געשטימט. אין דעם קוואַרטאַל, דאָס הייסט אין דעם אַזוי גערופענעם געטאָ, וועלן די יידן האָבן אַן אייגענע פּאָליציי, אַן אייגענע קאָמונאַלע פאַר־וואַלטונג, אייגן געלט א. א. וו. נאָר אַזאַ פֿלוצלונגדיקע זאָרג פון די דייטשן צו באַשיצן די יידן איז געווען פול מיט חשד, וואָס מען האָט ניט געקענט פאַרשטיין. אַז די פוילישע באַפעלקערונג, אין איר גרעסטן טייל, האָט זיך צו די יידן באַצויגן ניט איבעריק פריינטלעך איז געווען אַ פאַקט און קליינע אינצידענטן צווישן פּאָליאַקן און יידן זיינען טאַקע פאָרגעקומען אין וואַרשע. אָבער אַזוי ווייט דראָענדיק, אַז מען זאָל דאַרפן די יידן פון זיי שיצן, און דערצו נאָך ווער? די דייטשן?! אַזאַ אַבסורד האָט אויסגעזען אינגאַנצן אויס־טערליש. קיין מאָסן־כאַראַקטער האָט עס קיינמאָל ניט געהאַט. אויב באַפאַלן די יידן — האָבן עס געטאָן די דייטשן אַליין. זיי האָבן דערביי אַוועקגערויבט אַלץ, וואָס ווער עס האָט נאָר געהאַט אין זיינע טאַשן.

אָבער לאַנג קלערן פון וואַנען עס נעמט זיך די „דייטשע זאָרג" פאַר יידן, איז איבעריק. עס איז ניטאָ קיין אויסוועג — אין געטאָ מוז מען גיין. באַלד קומט פון דער געסטאַפּאָ אַ שטרענגע פאַראָרדנונג, אַז אַלע יידן, וואָס וווינען אין די קריסטלעכע ראַיאָנען, דאַרפן זיך אַריבערציען אין דעם פאַר זיי באַשטימטן, אָפּגעזונדערטן קוואַרטאַל, ד. ה. אין געטאָ אַריין. דער דאָזי־קער באַפעל איז חל אויך אויף משומדים פון דעם דריטן דור און אפילו קאַטוילישע גייסטלעכע געהערן צו דער קאַטעגאָריע, וואָס מוזן ווערן איזאָלירט און דאַרפן גיין, צוזאַמען מיט די יידן, אין געטאָ. די דייטשן האָבן שוין פון פאָראויס געוווּסט, אַז זיי וועט אויספעלן ריכטיקע יידן, האָבן זיי גענוצט משומדים. דערביי מאַכן די פּאָליאַקן גוטע געשעפטן — זיי נעמען איבער די יידישע וווינונגען אין שטאָט, זיי „קויפן אָפּ" ביי די יידן זייערע חפצים, וואָס די דייטשן האָבן נאָך ניט באַוויזן אַוועקצורויבן, פאַר אַ ניש־טיקן פרייז, ווייל די יידן קענען עס ניט מיטנעמען אין געטאָ אַריין. זיי האָבן דאָרט ניט, אין די ענגע דירות, וואָס זיי האָבן באַקומען, קיין אָרט, ווו מיט דעם אַלעמען זיך אַהינצוטאָן. דאָס טוישן זיך מיט דירות מיט די פּאָליאַקן האָט זיך פאַר די לעצטע זייער גוט געלוינט. פאַר זייערע קליינע „סטרו־זשאָווסקע" דירה׳לעך האָבן זיי אין צענטער פון שטאָט באַקומען שיינע,

גרויסע, באַקוועמע, גוט־איינגעאָרדנטע דירות פון די יידן, ביי וועמען די דייטשן האָבן נאָך ניט געהאַט קאָנפיסקירט.

דער גרויסער דייטשער שווינדל

באַלד ווייזט זיך אַרויס דער גרויסער דייטשער שווינדל, אַז די געטאָס האָבן זיי געשאַפן, כדי צו האַלטן די יידן אין אַ פאַסטקע און קענען פון זיי וואָס מער אַרויספּרעסן זייערע פאַרמעגנס. זייענדיק איזאָלירט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און ניט צולאָזנדיק קיין שפּייז־פּראָדוקטן, לאָזט זיך אין געטאָ באַלד פילן דער גרויסער הונגער. פאַר אַ פּיצל ברויט אָדער אַ פּאָר קאַרטאָפל צאָלט מען לעגענדאַרע פּרייזן. די ענגשאַפט אין געטאָ איז אומגעהויער גרויס. די היגיענישע באַדינגונגען זיינען, צוליב אַזאַ ענגשאַפט, זייער שלעכטע און דאָס ווידער רופט אַרויס פאַרשיידענע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. און דאָס אַלץ צוזאַמען זייט טויט און אומקום. יעדן טאָג ווערט דורך פינקערטס „חסד של אמת" אַרויסגעפירט הונדערטער מתים.

דאָס אויספּרעסן די יידישע פאַרמעגנס דורך שמוגל

דער שמוגל אין געטאָ פאַרנעמט דעם אויבנאַן. עס ווערן אַריינגעפירט יעדן טאָג אין געטאָ אַריין אויטאָס מיט פּראָדוקטן גאַנץ אָפן. די דייטשן ווייסן וועגן דעם גאַנץ גענוי און זיי באַקומען פאַר דעם גראָב „לא יחרץ־געלט". זיי לאָזן איבער אָפענע פענצטער ביים מויער פון געטאָ, אויף דער קריסט־לעכער זייט, כדי דער שמוגל זאָל בליען.

די צוויי מאָנסטערס, קלייסטערמייער און פראַנקענשטיין, וועלכע זיינען גע־וועזן די הויפּט פירער פון דעם געטאָ שמוגל האָבן, דורך די יידישע שמוגלער, אַרויסגעצויגן ביי די יידן זייערע לעצטע פאַרמעגנס. יידן האָבן פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער עטלעכע קאַרטאָפל אָפּגעגעבן זייער לעצטן האָב. די צוויי אויבנ־דערמאָנטע האָבן פאַר יעדן פּיצל ברויט אָדער קאַרטאָפל באַקומען שוחד.

די געטאָ ווערט פאַרקלענערט און עס ווערן נאָך אַריינגעבראַכט יידן פון דער פּראָווינץ

אין אַ קורצער צייט אַרום קומען נייע פאַראָרדנונגען, אַז די געטאָ ווערט

אַרומגעשניטן, ד. ה. פאַרקלענערט און די יידן מוזן ווייטער אָנהויבן וואָגלען. די וועלכע האָבן שוין געהאַט ווי ניט איז זיך איינגעאָרדנט, דאַרפן איצט נע־מען זייערע קלומעקלעך און שלעפן זיך ווידער אַמאָל, ניט האָבנדיק דעם קאָפּ ווו צוצולייגן. דערצו נאָך ווערן אין געטאָ אַריינגעוואָרפן יידן פון פאַר־שיידענע שטעט און שטעטלעך פון אַרום וואַרשע, ווי: זשיראַרדאָוו, גראָדזיסק, פּרושקאָוו א. א. אין די שטעטלעך האָבן געוווינט אַן ערך פופציק טויזנט יידן. זיי ווערן געבראַכט קיין וואַרשע אין דעם געטאָ אַריין. די דאָזיקע שטעט זיי־נען געווען באַוווינט פון פאָלקס־דייטשן און דעריבער האָט מען דאָרט קיין געטאָס ניט געדאַרפט האָבן. זיי האָבן ניט געהאַט צוליב וועמען אַרויסצורופן קיין מורא, כדי אָפּצושרעקן די מענטשן. דאָ זיינען דאָך געווען אייגענע דייטשן. טראָצדעם, וואָס אין די שטעט האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל יידן, האָבן די דייטשן זיי ניט איבערגעלאָזט אויפן אָרט און זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם וואַרשעווער געטאָ אין אַנדערע ערטער, ווו עס איז געווען אַ קלענערע צאָל יידן, נאָר דאָרטן ווו עס האָבן געוווינט פּאָליאַקן, רוסן, אוקראַינער א.א.וו. דאָרט ווו די באַפעלקערונג איז געווען אָפּגעשטאַנען, פאַרגרעבט און עס האָט נאָך ניט אריינגעדרונגען געבעלסעס אַנטיסעמיטישע העצע, דאָרטן זיינען יאָ געשאַפן געוואָרן געטאָס. ווייל די געטאָס האָבן געדאַרפט שפּילן די ראָל פון אָפּשרעקונג, פון אַ סטראַשידלע, פאַר דער איבעריקער, אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג: זאָלן זיי זען און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, וואָס עס דער־וואַרט זיי, אויב זיי וועט זיך פאַרגלוסטן מיט עפּעס וואָס אַנטקעגנצושטעלן זיך דער דייטשער מאַכט.

ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן אין אַ זונטיק קומען צו פאָרן אין שטעטל אין די קלויסטערס צו די רעליגיעזע צערעמאָניעס, פלעגן זיי דערביי כאַפּן אַ בליק ווי עס זעט אויס דאָס געטאָ און דאָס איז שוין פאַר זיי געווען גענוג, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן פּאַסיוו און שוין געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זיינען ניט אין דער זעלבער לאַגע. אויב כאַפּן אַ בליק אויף די אויסגע־הונגערטע און אויסגעדאַרטע געטאָ־סקעלעטן איז נאָך געווען ווייניק, האָבן זיך נאָך די גלעקער אין די קלויסטערס צעקלונגען און אָנגעזאָגט, אַז עס וועט פאַרקומען אַן עפּנטלעכע עקזעקוציע איבער אַ יידן.

ביי דער געלעגנהייט האָבן די דייטשן געהאַלטן רעדעס און איבערגע־

געבן, אַז דער ייד איז געוואָרן אויפגעהאָנגען צוליב באַליידיקן אַ דייטש, אָדער פאַר ניט אָפּהיטן געגנוי זייערע פאַראָרדנונגען. ווען די קליינע צאָל יידן אין איינער פון אָט די געטאָס איז דערגאַנגען ביז אַ מינימום, האָט מען אַהער געבראַכט יידן פון אַנדערע געטאָס, כדי אָנצוהאַלטן די דאָזיקע סטראַשידלע, צו האַלטן די אַרומיקע באַפעלקערונג אין שרעק. דאָס איז געווען איינער פון די ראַפינירטסטע דייטשע מיטלען, ווי אזוי אויסצונוצן די געטאָס פאַר זייערע צילן, צו האַלטן מיט דעם אין פחד דעם גאַנצן אַרום און אַמאָל אַ פּאָליאַק געהאָנגען, כדי זיי זאָלן ניט מיינען, אַז זיי זיינען יחתנים.

אין וואַרשעווער געטאָ ווערט אָרגאַניזירט אַ יידישע פּאָליציי, וועלכע דאַרף שטיין צום דינסט פון יודנראַט און העלפן אויספירן זיינע פאַראָרדנונגען. אין דער פּאָליציי גיבן זיך אַ לאָז די האַלב־אינטעלעגענץ און די אונטערוועלט־פאַרשוינען, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט שרעקלעך געליטן פון זיי. עס ווערט אויך געשאַפן אַ יידישע געסטאַפּאָ, די אַזוי גערופענע „דרייצענטל", בראש פון וועלכע עס שטייען די טרויעריק־באַרימט געוואָרענע קאָהן און העלער — ביידע פון לאָדזש. קאָהן און העלער ווילן פון אָנהויב שפּילן די ראָל פון בעלי־טובות און שתדלנים לטובת די יידן. אָבער באַלד ווערט קלאָר זייער אמתע ראָל, אַז זיי זיינען אינגאַנצן אין דינסט פון דער געסטאַפּאָ. זיי האָבן זיך דערנאָך זייער שטאַרק געלאָזט פילן אין געטאָ און האָבן געשפּילט איינע פון די טרויעריקסטע ראָלן.

אויב די פּאָליציי און די „דרייצענטל" איז נאָך ווייניק אויף די קעפּ פון די געטאָ־איינוווינער, שאַפן נאָך די דייטשן באַנדעס פון יידישע מוסרים, וואָס נישטערן אומעטום, און ווען זיי דערשמעקן עפּעס, גיבן זיי עס באַלד איבער „ווו מען באַדאַרף". צו די סאַמע באַקאַנטסטע און געפערלעכסטע מוסרים אין געטאָ האָבן געהערט אַנדערס און מילעק.

אזוי אַרום איז אין געטאָ איצט פאַראַן אַ ברייט־פאַרצווייגטע יידישע אַדמיניסטראַציע: דער יודנראַט מיט אַדאַם טשערניאַקאָוו בראש און אַ גרויסער שטאַב פון אָנגעשטעלטע;

די פּאָליציי מיטן משומד, יוזעף שערינסקי און שמערלינג, אַלס קאָמענדאַנט;

דאָס „דרייצענטל" מיט קאָהן, העלער און גאַנצווייך בראש;
אַן אָרגאַניזירטע באַנדע מוסרים מיט אַנדערס און מילעק אין דער שפּיץ.
אָט די אַלע באַנדעס דייטשע צוהעלפער האָבן די נאַציס געהאַט מיט וואָס צו צאָלן: מיט אַ גוט לעבן אין געטאָ און צוזאָגן אויף ווייטער, אויף וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט כאַפּן, פון די ראַפינירטע מערדער, פאַר זייערע צילן. זיי האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל ווי אַלע יידן. נאָכן אָפּטאָן זייער מיאוסע אַרבעט זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן ווי די הינט.

די יידישע אַדמיניסטראַציע אין וואַרשעווער געטאָ

אַ טרויעריק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון געטאָ האָט אַריינגעשריבן די אָנפירונג פון דער אַזוי גערופענער „סאָציאַלער הילף", וועלכע האָבן די דאָזיקע אינסטיטוציע אויסגענוצט אין דער ערשטער ריי פאַר זיך און פאַר זייערע נאָנטע.

די סאָציאַלע הילף איז דאָך געשאַפן געוואָרן כדי צו העלפן דער אָרעמער באַפעלקערונג און ווען זי וואָלט אַלס אַזעלכע עקזיסטירט, וואָלט זי געוועזן געקאָנט אַ סך אויפטאָן צו מילדערן כאָטש טיילווייז די שרעקלעכע נויט פון אַ גרויסער טייל באַפעלקערונג. די סאָציאַלע הילף האָט זיך, אין דער ערשטער ריי געדאַרפט פאַרנעמען מיט די פאַריתומטע, אויסגעהונגערטע קינדער, וועלכע האָבן זיך כמאַרעסווייז אַרומגעשלעפּט אין געטאָ און גע־בעטלט. די דאָזיקע קינדער האָבן נישט געהאַט קיין היימען, זיי זיינען גע־שלאָפן און זיך אויפגעהאַלטן אויף די גאַסן און אין חורבות. האָבן זיי אַרויס־געוויזן וועלכע עס איז הילף צו אָט די קינדער, וואָס האָבן ביי אַלעמען געוועקט רחמנות און צער־געפילן?...

אויב די לאַגע פון די וואַרשעווער געטאָ איינוווינער איז געוועזן אַ גענוג טרויעריקע און טראַגישע, איז פילפאַכיק מער טראַגיש געוועזן דער גורל פון די אַריינגעוואָרפענע אין געטאָ פון אַנדערע שטעט. די דייטשע באַנדיטן האָבן זיי פון אַלץ באַראַבעוועט און זיי נאַקעטע און הוילע אַריינגעוואָרפן אין געטאָ. אַזעלכע זיינען געווען צענדליקער טויזנטער און זיי זיינען אין די טויזנטער אויסגעשטאָרבן פון הונגער. האָט די סאָציאַלע הילף עפּעס געטאָן צו לינדערן צווישן זיי, אויף וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, די שרעק־לעכע נויט?...

ניין! די סאָציאַלע הילף איז געוואָרן אַ געוועלבל פאַר זיך און פאַר די פירער פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט בלויז

אויפן פּאַפּיר. יעדע „אָרגאַניזאַציע״ האָט געזען צו שלעפּן וואָס מער פּאַר זיך און אויסגענוצט דעם דזשאָינט, די אַפּראָוויזאַציע אָפּטיילונג ביים יידן־ראַט און עס פאַרטיילט צווישן די אייגענע קאָך־לעפל, די וואָס זיינען גע־שטאַנען ביי דער שיסל. זיי אַלע האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג, זייערע פאַמי־ליעס זיינען געווען באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס איז נויטיק.

די אמתע נויטבאַדערפטיקע: די קינדער, די צענער טויזנטער פליטים, די אייגענע געטאָ־אָרעמקייט — זיי זיינען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און זיינען אין די טויזנטער געפאַלן אויף די גאַסן.

די „סאָציאַלע הילף״ איז געווען אַן אָרט פאַר מענטשן מיט ״פּלייצעס״.

ערלעך און מיט הארץ האָבן געאַרבעט די אזוי גערופענע הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די געטאָ־הויפן. זיי האָבן מיט אמתדיקן מסירת נפש געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך צו לינדערן די נויט פון די סאַמע באַ־דערפטיקסטע. פיל האָבן זיי נישט געקאָנט אויפטאָן, זייערע מעגלעכקייטן זיינען געווען זייער באַגרענעצט און די נויט האָט אין אַן אומפאַרגלייכלעכער פּראָפּאָרץ אַריבערגעשטיגן די הילף.

אין דער אונטערשטער שורה לאָזט זיך זאָגן וועגן די באַזאָרגער פון דער סאָציאַלער הילף, אַז זיי זיינען געווען אין דער זעלבער מדרגה ווי די יידן־ראַטן און די יידישע פּאָליציי, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס זיי זיינען נישט געשטאַנען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט די דייטשן.

דאָס שווערע לעבן אין געטאָ גייט ווייטער אָן און עס גייט ווייטער אָן דער קאַמף פון יעדן איינעם פאַר אַ חיי־שעה. יעדער איינער זוכט, אויף זיין שטייגער, ווי אזוי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט און זיך דערהאַלטן ביים לעבן. דער גאַסן־האַנדל בליט: מען פאַרקויפט געקאָכטע שאָלן פון קאַרטאָפל; מען האַנדלט מיט „טיי״ — וואַרעם וואַסער, פאַרזיסט מיט אַ סאַכאַרינקע — מען פאַרקויפט פאַרפוילטע עפּעלעך, געבראָטענע קאַשטאַנעס און נאָך אַזעלכע „מאכלים״...

די פּאָליציי פירט אַ מלחמה מיט אָט די גאַסן־הענדלער, מען יאָגט און מען רודפט זיי. אָבער פאַרטרייבן פון גאַס קאָן מען זיי נישט — דאָ א״ז זייער איינציקער הכנסה־קוואַל, וואָס ראַטעוועט זיי טיילווייז פון אַ הונ־גער־טויט.

די גאַסן זיינען אויך פול מיט בעטלער, וועלכע מען טרעפט שוין פון די פריע מאָרגן־שעהן ביז אין דער שפּעטער נאַכט. צווישן אָט די בעטלער פון

פאַרשידענעם עלטער און געשלעכט, טיילן זיך באַזונדערס אויס די גרופּן קליינע קינדער. אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, פון די צעפּליקטע מלבושים קוקן אַרויס די אויסגעדאַרטע גופימלעך, שלעפּן זיי זיך אַרום טשאַטעס־ווייז איבער די גאַסן און הויפן. מיט זייער זינגען טרויעריקע לידלעך און מיט אויסשטרעקן די דאַרע הענטעלעך, רופן זיי ביי יעדן איינעם אַרויס רחמנות־געפילן און מען וואַרפט זיי עפּעס צו.

די גאַסן זיינען אויך פול מיט „כאַפּערס". זיי באַפאַלן יעדן איינעם, וואָס טראָגט אַ שטיקל ברויט אָדער אַנדערע שפּייזן. זיי רייסן עס ביי יענעם אַרויס און שטופּן עס גלייך אין מויל אַריין. מען שלאָגט זיי, מען הרגעט זיי, אָבער זיי רעאַגירן שוין נישט אויף די קלעפּ, אַבי עפּעס אַריינצוכאַפּן אין מויל אַריין. אַ קוק טוענדיק אויפן אויסזען פון די „כאַפּערס", אויף זייערע שמוציקע הענט אין וועלכע זיי קנעטן די צוגעכאַפּטע שפּייז, רעזיגנירן אַנדערע און גייען אַוועק מיט גאַרנישט.

אין געטאָ זיינען נאָך אויך פאַראַן פאַרשידענע געוועלבלעך, ווו מען באַקומט נאָך פאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען. די פּרייזן זיינען אָבער אַזוי אַרויפגעשרויפט, אַז געניסן פון דעם קענען נאָר די פּראָמינענטן: פּאָליציי, שמוגלער, בעקער, מוסרים, אָנגעשטעלטע ביי דער סאָציאַלער הילף, ביי דעם יידן־ראָט א. א. וו.

קליינע קינדער, פינף־זעקס יאָר אַלט, קריכן איבער די דראָט־פּאַרצוימונגען פון דער געטאָ־מויער, אָדער דורך געהיימע לעכער, אויף דער אַרישער זייט אַריבער. אַ סך מאָל געלונגט זיי צו ברענגען „פון יענער זייט" אַ שטיקל ברויט אָדער עטלעכע קאַרטאָפל. זיי זיינען איצט די שפּייזער פון דער משפחה. טאַטע־מאַמע וואַרטן אָפּ, מיט קלאַפּעדיקע הערצער, צו זען צוריק זייערע קינדער און די „חיונה", וואָס זיי האָבן געבראַכט. די דאָזיקע „עקספּעדיציעס" זיינען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, אַ סך מאָל ווערן אָט די קינדער, ביים אַרויסגיין אָדער אַריינגיין צוריק אין געטאָ, דער ציל־ברעט פון די דייטשע וועכטער. זיי שיסן אויף די קינדער, הרגענען און פאַרוונדן זיי. די פאַרוונדעטע קינדער בינדן איבער זייערע ווונדן און ריזיקירן ווייטער: אין שטוב וואַרטן אויף זיי טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, מיט הונגעריק אויסגעשטרעקטע הענט. ביי די געטאָ־מויערן זעט מען אָפּט שטיין עלטערן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָפּוואַרטנדיק זייערע שפּייזער, וועלכע זיינען אַריבער אויף דער אַרישער זייט און זיינען נאָך נישט צוריקגעקומען. עס איז אַ גרויסער צער צו קוקן אויף זיי. זיי האָבן פאַרלוירן סיי זייער באַליבט קינד און סיי זייער שפּייזער. איצט דאַרפן זיי אויסגיין פון הונגער.

אזוי ציט זיך טאָג־איין טאָג־אויס דאָס שווערע געטאָ לעבן. די געטאָ־איינוווינער ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ מער דערשלאָגן און רעזיגנירט. אָבער די דייטשן זוכן נאָך אַלץ ווי אזוי נאָך מער זיך געבן צו פילן און נישט לאָזן די יידן איינדרימלען אין אַ זיסן שלאָף.

צען דערשאָסענע בעקער

אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען אין אַן אויסגעברענטן הויז פון באָמבעס, געפונען ליגן צען געהרגעטע בעקער, מיט דעם פּאָפּולערן מצה־בעקער בליימאַן, בראש. זיי זיינען ווי הערינג געלעגן אויסגעלייגט איינער נעבן דעם אַנדערן, אויף פּראָסטע גאָס.

די דייטשן דערקלערן, אַז זיי האָבן די בעקער דערשאָסן דערפאַר, ווייל זיי האָבן גענומען טייערע פּרייזן, זיי האָבן אין מעל אַריינגעטאָן פאַרשידענע אַנדערע זאַכן און אויסגעבאַקן שלעכט ברויט. דאָס ברויט האָט אויף אַזאַ אופן שלעכט געווירקט אויפן געזונט־צושטאַנד פון די געטאָ־איינוווינער.

אַז דאָס ברויט האָט געהאַט פאַרשידענע צומישונגען איז טאַקע געווען ריכטיק, אָבער נישט וועגן געזונט פון די יידן האָבן פּלוצעם די דייטשן אָנגעהויבן צו זאָרגן. זיי האָבן גוט געוווסט, אַז דאָס געטאָ ווערט געשוואָלן פון הונגער און נישט פון שלעכטן ברויט, וואָס מען באַקט. די אזוי גערופענע „נוצלעכע” יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שעפּער, האָבן באַקומען בלויז אַ פּאָר פונט ברויט אַ חודש און אָפט דאָס אויך נישט. מיטן דערשיסן די בעקער האָבן די דייטשן געוואָלט אָנוואַרפן אַ נאָך גרעסערע מורא אויף די געטאָ איינוווינער און גלייכצייטיק פאַרערגערן די אַפּראָוויזאַציע. די צען בעקערס זיינען געווען אַן אָנשפּאַר פאַר אַ סך יידן. זיי האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געטיילט צדקה און זיי פלעגן אַרויסהעלפן אין אַן עת־צרה.

שטענדיק האָבן די דייטשן געהאַט מיט וואָס צו דערקלערן זייערע עקזעקוציעס. האָבן זיי עמיצן געשאָסן אָדער געהאָנגען איז די דערקלערונג געווען, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סאַבאָטאַזש, נישט אויספירן באַפעלן, שמוגל, נישט־לעגאַלער האַנדל א. א. וו. אויך ביי די פּאַליאַקן האָבן די מערדער אָנגעווענדט די זעלבע טאַקטיק. זיי האָבן ראשית כל געצילט דערצו מען זאָל לעבן אין שטענדיקער שרעק און דערפאַר, אויב אַ פּאָר וואָכן איז געווען שטיל, האָט מען שוין געקאָנט פון זיי דערוואַרטן פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס. און נאָך מער ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן אַן „אַליבי” פאַר דער געשיכטע, אין זייערע אַרכיוון.

די נאַציס באַפאַלן רוסלאַנד

נאָך דער גרויסער מפּלה, וואָס די נאַצישע חיילות האָבן געליטן, ביי זייער פּלוצעמדיקן איבערפאַל ביי דעם לאַמאַנש־קאַנאַל, ווו זיי האָבן פאַרלוירן טויזנטער עראָפּלאַנען פון זייער לופט־פלאָט, און זעענדיק, אַז עס וועט זיי נישט אַזוי לייכט אָנקומען איינצובייסן דעם ענגלישן לייב, באַשטימען זיי אָנצופאַלן אויף רוסלאַנד. אַזוי ווי זיי האָבן ביז איצט אָפּגענאַרט די גאַנצע וועלט מיט זייערע דיפּלאָמאַטישע טריקס און די הלוואות, וואָס זיי האָבן באַקומען אויף די בעסטע באַדינגונגען, אויף אויפצובויען זייער עקאָנאָמיע און פאַקטיש האָבן זיי מיט דעם אויפגעבויט זייער מיליטערישע מאַשין.

אַזוי ווי היטלער האָט פריער אָפּגענאַרט פוילן און אַנדערע לענדער מיט זיינע געשלאָסענע „נישט־אַגרעסיע־פּאַקטן", אַזוי איז אים אויך געלונגען אָפּצונאַרן דעם כיטרען סטאַלין. מיטן אָפּמאַך פון קריגן די פּוילישע מזרח־געביטן, האָט זיך סטאַלין געלאָזט פירן אין באָד אַריין. ער איז אפילו איינגעגאַנגען צו טוישן זיין יידישן אויסערן־מיניסטער, ליטווינאָוון, אויף מאָלאָטאָוון.

דערווייל שטראָמען פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד גאַנצע עשאַלאָנען מיט קריגס־פּראָדוקציע מאַטעריאַלן און פון דייטשלאַנד שטראָמען, דורך דער געוועזענער פּוילישער גרענעץ, עשאַלאָנען קיין רוסלאַנד.

אין דער זעלבער צייט ווען ריבענטראָפּ פאַרהאַנדלט מיט מאָלאָטאָוון וועגן ווייטערדיקע ליפערונגען, ווערט צוגעגרייט און דורכגעפירט דער פּלוצעמדיקער און מעכטיקער איבערפאַל אויף רוסלאַנד. אַזוי גענוי ווי מען האָט עס פריער געטאָן מיט פּוילן, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, א. א. וו.

אין דער נאַכט פון דעם איין און צוואנציקסטן יוני 1941, באַפאַלן די נאַצישע אַרמייען רוסלאַנד מיט אַזאַ כוח, אַז אין געציילטע טעג געפינט זיך די גאַנצע רוסישע אַרמיי, דריי מיליאָן סאָלדאַטן, וואָס האָט באַזעצט די פּוילישע מזרח־געביטן, אין די דייטשע לאַפּעס.

באַלד גיבן איבער די ראַדיאָ־הילכער, אַז די גאַנצע רוסישע אַרמיי איז פאַרניכטעט און אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי אַריינמאַרשירן קיין מאָסקווע.

אפילו אין געטאָ ווערן אויף אַלע פּלעצער און ראָגעס אָוועקגעשטעלט ראַדיאָ־הילכערס און יעדע שעה גיבן זיי איבער וועגן די גרויסע נצחונות פון דער זיגרייכער דייטשער אַרמיי. זיי באַרימען זיך, אַז גאַנצע רוסישע אַרמייען לויפן אַריבער אויף דער דייטשער זייט און אַז מיליאָנען רוסישע זעלנער געפינען זיך שוין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט.

און ריכטיק. אין וואַרשע זעט מען שוין אַרומפירן הונגעריקע רוסישע געפאַנגענע. אפילו אין געטאָ זעט מען רוסישע קריגס־געפאַנגענע און אויף די פוילישע גאַסן הויבן זיי זיך אָן צו באַווייזן אויף שריט און טריט.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, אויף די יובל־געשרייען פון די דייטשן, פירן די יידן זייער באַזונדערע פּאָליטיק און גלויבן, אַז צו באַזיגן רוסלאַנד וועט נישט זיין אזוי לייכט. די דייטשע הילכערס גיבן שוין איבער וועגן דעם, אַז זייערע אַרמייען שטייען שוין ביי מאָסקווע, לענינגראַד, קאַווקאַז, אָבער יידן האַלטן פאַרט, אַז טאַקע דאָ, אין רוסלאַנד, וועט היטלער ברעכן דעם קאָפּ.

טראָץ דעם, וואָס די צענזור איז זייער אַ שטרענגע, קורסירן אין וואַרשע ידיעות, וועלכע ווערן איבערגעגעבן דורך פּאַליאַקן, אַז אין די אָקופּירטע רוסישע געביטן, פירט דורך די דאָרטיקע באַפעלקערונג, בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן, אזוי ווייט, אַז די דייטשן האָבן זיי געמוזט אָפּשטעלן. עס ווערט אויך באַקאַנט, אַז הונדערטער טויזנטער אוקראַינער און ווייסרוסן טרעטן אַריין אַלס פרייוויליקע אין דינסט פון די נאַציס. טאַקע אזוי ווי די מערדער האָבן פריער אויסגעפּלאַנט, — דעם אַפּעלַ פון דער מענטשהייט אַריינצוקריגן אַלס משרתים, פאַר דעם צוגעזאָגטן יידישן רויב.

אויף דער יידישער באַפעלקערונג ווירקן די אַלע ידיעות געוואַלדיק שלעכט. זיי פאַרלירן די האָפענונג אויף אַ באַלדיקער ישיעה. מען הויבט אָן זיך אַריינצוטראַכטן אין טשערטשילס פּאַראַויסזאָגן, אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן ערשט אין 1945, מיט אַ גרויסער מפּלה פון די דייטשן, און מען ווערט אַפּאַטיש ביז גאָר.

1941. די פאַרמעגנס ביי דער יידישער באַפעלקערונג, זיינען דורך די דייטשע דויבער־באַנדעס סיסטעמאַטיש און מיט די ראַפינירטסטע מיטלען אויסגעפּלינדערט געוואָרן. די געשעפטן, פאַבריקן, וואַרשטאַטן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך פאַרשידענע קאָנטריבוציעס און רעקוויזיציעס האָבן זיי ארויסגעשלעפּט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן געהאַט. אויך דורך דעם שמוגל ווערט פון געטאָ אַרויסגעצויגן דאָס וואָס עס איז נאָך געלונגען צו פאַרבאַהאַלטן פון די דייטשן. קלויסטערמייער און פראַנקענשטיין לאָזן אָנגיין דעם שמוגל און פאַר יעדן אַריינגעפירטן טראַנספּאָרט באַקומען זיי שווערע געלטער פן די שמוגלער. פאַרשטייט זיך, אַז די באַפעלקערונג צאָלט פאַר די פּראָדוקטן, פאַר אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל, דריי־פיר מאָל טייערער ווי אויף יענער זייט געטאָ־מויערן.

די דייטשן שלעפן אַראָפּ די קליידער פון די יידן

אָנהויב 1942. עס קומט א ניי געזעץ. די יידן מוזן אוועקגעבן אלע זייערע פוטערס און פעלצן, אַלע אָן אויסנאַם פוטערנע מלבושים. אין דער מעלדונג וועגן דעם ווערט אָנגעוויזן, אַז אויב מען וועט נאָכן באַשטימטן טערמין גע־פינען ביי וועמען די מינדסטע שטיקל פוטער, וועט ער ווערן דערשאָסן. די יידן שלעפן אַרויס זייערע פוטער־קליידער און טראָגן עס אַוועק אויף גזשיבאָווסקע 26, ווו עס געפינט זיך דער יודענראַט. די יידישע פּאָליציי נעמט אָפּ די פוטערס און אַ געסטאַפּאָ־מאַן פאַרשרייבט יעדנס נאָמען אויף אַ צעטל, אָבער קיין שום ייד קריגט ניט קיין קוויטאַנץ.

די פּאָליאַקן, דערוויסנדיק זיך וועגן דער דייטשער פאַראָרדענונג וועגן אָפּגעבן די פוטערס, גיבן זיך אַ לאָז אין געטאָ און קויפן איין פּאַר שפּאָט ביליק פוטערס. אַ סך געטאָ־איינוווינער, וועלכע ווילן נישט אַוועקגעבן די דייטשן זייערע פוטערס און ווילן אויך נישט זיי זאָלן אַריינפּאַלן פּאַר גראָשנס צו די פוילישע שמוגלער, ריזיקירן מיטן לעבן און פאַרברענען זייערע פוטערס.

דער וואנזיי באַשטימט דעם אָנהויב סיסטעמאַטיש צו ליקווידירן דאָס יידנטום פון אייראָפּע

סוף 1941, אָנהויב 1942, די היטלער־באַנדעס יובלען מיט זייערע נצ־חונות, זיי האָבן שוין אין זייערע לאַפּעס גאַנץ אייראָפּע. זייערע חיילות שטייען שוין ביי די טויערן פון מאָסקווע, לענינגראַד, סטאַלינגראַד. דער לאַמאַנזש־קאַנאַל ביז נאַרוויק איז דורך זיי באַזעצט. די באַפעלקערונג פון אַלע אָקו־פּירטע געביטן זיינען טעראָריזירט, אַפּאַטיש און פּאַסיוו. די גרעסטע טייל אינטעליגענץ פון די פאַרנומענע לענדער איז פאַרניכטעט און די וואָס זיינען געבליבן שפּילן נישט קיין שום ראָל. די דעק־עלעמענטן און סאַדיסטן מכל המינים זיינען אין דינסט ביי די היטלער־באַנדעס, וואָס העלפן זיי צו אונ־טערדריקן זייערע אייגענע לענדער און פעלקער און וואַרטן דערפאַר אויף דער באַלוינונג פון געבעלסן, וואָס ער האָט זיי נאָך צוגעזאָגט פאַרן קריג: יידישע פאַרמעגנס, יידיש האָב און גוטס.

די היטלער־באַנדעס האַלטן, אַז איצט איז שוין געקומען די צייט צוצו־טרעטן צו דער שטופּענווייזער ליקווידאַציע פון די געטאָס. זיי דאַרפן שוין איצט נישט האָבן די דאָזיקע סטראַשידלע, אויף אָנצוגיין מיט זייער געמיי־נער שפּיל פון אָפּשרעקן די אַרומיקע באַפעלקערונג. עס הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון פּיין און אומקום פון די יידן, וואָס האָט ביי די דייטשן געטראָגן דעם אומשולדיקן נאָמען: אויסזידלונג.

די אויסזידלונג קומט פאָר אויף אַזאַ אופן: פון יעדער שטאָט און שטעטל, פון יעדן געטאָ, ווערן סיסטעמאַטיש אַרויסגעפירט קלענערע אָדער גרעסערע גרופן. דער חשבון איז, אַז די געטאָס זאָלן בלייבן אין זייער ביז איצטיקער צאָל, נאָר זיי ביסלעכווייז אויסליידיקן. אַרום די אויסזידלונגען פאַרשפּרייטן די דייטשן פאַרשידענע ווערסיעס, אַז די יידן ווערן אַרויסגעפירט אויף אַר־בעט קיין כאַרקאָוו, סמאָלענסק, מינסק און אַז דאָרטן האָבן זיי בעסערע באַ־דינגונגען ווי אין די געטאָס. ווען עס קומען פאָר קינדער־אַקציעס, ד. ה. ווען זיי כאַפּן אויס די קינדער פון די געטאָס, פאַרשפּרייטן זיי קלאַנגען, אַז מען פירט זיי אַרויס אין קינדער־קאָלאָניעס, וווּ זיי האָבן גוטע אויפזיכט און אַ סך לופט. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס דעזאָריענטירט די געטאָ־איינוווינער, וועלכע האָבן זיך אין זייער פאַרצווייפלונג אָנגעכאַפּט אין יעדן פונק פון האָפענונג און געוואָלט גלויבן, אַז אין דעם איז פאַראַן כאָטש עפּעס אמת. דער אמת איז אָבער געווען, אַז די אַלע אויסגעזידלטע האָבן אַדורכגעמאַכט זייער לעצטן וועג צו די פאַרניכטונגס־לאַגערן טרעבלינקע, מיידאַנעק, סאָבי־בור, בעלזשעץ, בירקענאו, אוישוויץ.

די רויבער באַנדעס זוכן ווייטער פאַרמעגנס ווי גאָלד און די יידישע מאַשינען

אויף די ווענט באַווייזט זיך אַ נייע פאַראָרדענונג פון די דייטשן, וועלכע מעלדעט מיט גרויסע אותיות, אַז די דייטשן וועלן באַשעפטיקן יידן, וועלכע וועלן אויספירן באַשטעלונגען פאַר דער ווערמאַכט. די וואָס וועלן אַרבעטן פאַר דער ווערמאַכט, וועלן באַטראַכט ווערן אַלס „נוצלעכע יודען". אַלע פאַכלייט, וועלכע וועלן זיך מעלדן צו דער אַרבעט — לויטעט די מעלדונג — דאַרפן ברענגען מיט זיך זייערע מכשירים און מאַשינען צו דער אַרבעט. דאָס הייסט דער דייטש גייט באַזאָרגן די יידן מיט פּרנסה.

די דאָזיקע פאַראָרדענונג רופט אַרויס ביי די געטאָ־איינוווינער אַ געוויסן אָפּטימיזם. עס באַווייזן זיך באַלד יידישע אָנפירער פון אַלע בראַנזשעס: שניידער, שוסטער, דרוקער, קירזשנער, דענטיסטן און אַנדערע, וועלכע נעמען זיך צו אָרגאַניזירן די פאַרשידענע שעפער. די יידישע בעל־מלאכות שלעפּן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן דאָס געצייג און די מאַשינען צו זייער אַר־בעט. מען פּוצט און מען רייניקט, אַז עס זאָל געפעלן די דייטשן און מען זאָל זיי אָננעמען צו דער אַרבעט, וואָס יידן האָבן געהאָפט צו האָבן מיט וואָס אַדורכצוקומען.

באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז אָנצוקומען אַרבעטן אין אַ שאָפּ איז נישט פון די לייכטע זאַכן און מען דאַרף דערפאַר גוט באַצאָלן. די יידישע דירעק־

טאָרן לעקן דערביי אָפּ אַ פּעטןביינדל און נאָך מער געניסן דערפון די דייטשע בעלי־הבתים פון די שעפער, פאַר וועלכע דאָס איז געוואָרן אַ קוואַל פון גראָבע פאַרדינסטן. אַ פּאַכמאַן מיט אייגענע מאַשינען דאַרף צאָלן וויניקער, אָן מאַשינען שוין מער און בכלל נישט קיין פּאַכמאַן האָט באַדאַרפט אָפּצאָלן לעגענדאַרע פּרייזן פאַר אַריינקריגן זיך אין אַ שאָפּ און ווערן אַ „נוצלע־כער יודע".

פאַר די שעפער באַווייזן זיך לאַסט־אויטאָס, פון וועלכע מען לאַדעוועט אויס פאַרבלוטיקטע וועש, אַלטע טורניסטערס און זאַטלען און נאָך אַזעלכע זאַכן, כדי צו ווייזן, אַז די שעפער וועלן האָבן באַשעפטיקונג. צו וואָס די דייטשן דאַרפן האָבן די דאָזיקע אַלטע זאַטלען, טורניסטערס, ווען זיי האָבן נישט קיין קאַוואַלעריע, פרעגט קיינער נישט. מען לאָזט זיך לייכט אָפּנאַרן.

דער געלויף אין די שעפער איז ממש אַ פאַרצווייפלטער, דאָס איז דער איינציקער פונק פון האָפענונג, ווייל די אַלע וועלכע האָבן נישט קיין אַרבעטס־קאַרטן זיינען דאָך די ערשטע אַוועקגעשיקט צו ווערן. אָבער גאַר שנעל אַי־בערצייגט מען זיך, אַז אויך די אַרבעטס־קאַרטן זיינען נישט מער ווי אַ שווינדל. ווייל ווען די שעפער זיינען שוין איבערפולט, ווערן זיי באַפאַלן פון געסטאַפּאָ און אוקראַינישע ס. ס. און גרויסע גרופּן פון זיי ווערן גלייך פון שאָפּ אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאָרטן ווייטער, וואָס קיינער ווייסט נישט וווהין.

באַלד דערנאָך קומען די דייטשע דירעקטאָרן און האַלטן רעדעס צו באַ־רויקן די איבערגעבליבענע, אַז דאָס האָט מען ארויסגענומען די, וואָס האָבן געמאַכט „סאַבאָטאַזש", די נישט־פאַכמענער א.א.וו.. אָבער אַז זיי דראָט נישט קיין שום געפאַר. עס געפינען זיך באַלד ביי הונדערטער בעלנים וועלכע גיבן אַוועק דאָס לעצטע, וואָס זיי פאַרמאָגן, כדי זיך אַריינצוקריגן אין אַ שאָפּ און האָבן אַן אַרבעטס־קאַרטע. און אַזוי גייט אומאויפהערלעך אָן דער דאָזיקער שווינדל.

אנשטאָט פאַר דער ווערמאַכט, אַרבעטן אויס די שעפער פאַרשידענע זאַכן פאַר די געסטאַפּאָ־אָפיצירן און זייערע ווייבער. זיי אַרבעטן אויס פעלצן פאַר די „דאַמען", קראָקאָדיל־שיך, דאַמען־טאַשן, ליאַלקעס און נאָך אַזעלכע אַרטיקלען און שמאָכטעס.

די אָפּראָוויזאַציע אין די שעפער איז אַזאַ נישטיקע, אַז די מענטשן ווערן געשוואָלן פון הונגער און גייען אויס מאַסנוויז ביי דער אַרבעט. די איינציקע וואָס מאַכן נישט שלעכט זיינען די יידישע דירעקטאָרן, וועלכע האָבן גענוג פון אַלעמען און זיינען אויך געשיצט דורך די דייטשע בעלי־הבתים — דורך

זייערע הענט פֿאַלן דאָך אַריין צו זיי אין די קעשענעס שווערע מיליאָנען.
און דאָס איז דאָך וואָס זיי ווילן.

אָט די אַלע דייטשע דירעקטאָרן זיינען גאַנץ געוויינלעכע געסטאַפּאָ אָדער פֿון אַרבעטס־איינזאַץ, פֿון הימלערס באַנדעס. אָט די אַלע דירעקטאָרן, ווי טעבענס, שולץ, האָפֿמאַן, גרייער, צימערמאַן פֿון דער אָקסאקאָ און נאָך אַזעלכע. די אַלע געוויינלעכע רויבער־באַנדעס, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פֿון די שעפּער, זיי אַלע זיינען זייער גוט באַפֿריינדעט מיט די יידישע דירעקטאָרן. יעדע פּאָר טעג האַלטן זיי זייערע רעדעס פֿון דעם ניסוך: ליבע יידן זייט געהאָרכזאַם, פֿלייסיק, וועט אייך גאָרנישט געשען.

טראָצדעם וואָס אַלע ווייסן גוט, אַז דאָס איז אַלץ שווינדל און ליגנט, אָבער דאָך נאָך אַזעלכע רעדעס ווערט יעדן אַביסל לייכטער אויף דעם האַרץ, טראָץ די גוטע ריידעס קומען יעדע פּאָר טעג איבערפֿאַלן פֿון די אוקראַינער און געסטאַפּאָ און מען שלעפּט אַרויס אַ סך פֿון די אַרבעטער. זיי ווערן פֿאַרשוווּנדן און קיינער ווייסט נישט ווו אַהין.

עס זיינען געווען פֿאַלן, ווען ערשט נעכטן האָט מען זיך אַריינגעקראָגן אין איינעם פֿון די שעפּער און גוט באַצאָלט דערפֿאַר און באַלד צומאָרגנס האָט מען אים אַרויסגענומען און אַוועקגעפֿירט. טיילמאָל האָט אַזאַ יידישער דירעקטאָר אינטערווענירט ביי אַזאַ טעבענס אָדער שולץ און זיי זיינען אַוועק אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ און צוריקגעבראַכט אַ פּאָר מענטשן אין שאָפּ. ביי אַזעלכע פֿאַלן זיינען די טעבענס און שולצס געוואָרן זייער געהויבן אַלס „יידישע דערלייזערס" און מען האָט געקוקט אויף זיי מיט חשיבות און מען האָט זיך צוגעהערט צו זייערע רעדעס און זיי געגלויבט. אַזוי איז מען געוואָרן אָפּגענאַרט און באַשווינדלט אויף שריט און טריט.

דער זעלבסטמאָרד פֿון טשערניאַקאָוו

אין געטאָ ווערט באַקאַנט די שרעקלעכע נייעס, אַז דער יודנראַט־עלטסטער, דער אינזשיניער טשערניאַקאָוו, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די כלאָדנע און די לעשנאָ גאַסן זיינען באַלאַגערט פֿון מענטשן. עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרשידענע מיינונגען און ווערסיעס. אַ טייל מענטשן, וואָס זיינען געווען נענטער צו אים, דערציילן, אַז די געסטאַפּאָ האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט צען טויזנט יידן יעדן טאָג צום „אויסזידלען נאָך דעם אָסטען" און אַז ער האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן די שרעקלעכע גזירה און דערפֿאַר האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן. עס איז זייער שווער דאָס צו גלייבן, ווייל ער איז

דאָך געשטאַנען באַלד דריי יאָר אין זייער דינסט און האָט געמוזט טאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט פון אים.

אַ צווייטע ווערסיע איז געווען, אַז דער אַרעסט פון זיין פרוי האָט אים דערשלאָגן און אַז ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די בושה אַז דאָס זאָל האָבן אים געשען.

אַ דריטע ווערסיע, די וואַרשיינלעכסטע, איז געווען, אַז טשערניאַקאָוו האָט שוין זיין אויפגאַבע דערלעדיקט פאַר די מערדער און זיי דאַרפן אים מער נישט האָבן, איז געקומען די צייט ער זאָל פאַרשווינדן. פונקט ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט פיל אַנדערע, ווי אַנדערס, מיליעק לייקן און אַנדערע. דו האָסט אָפּגעטאָן די ארבעט און מען דאַרף דיך מער נישט, ווערסטו אויך פאַרשווונדן. מען דערציילט, אַז דער געטאָ־קאָמענדאַנט, אסערוואַלד, איז געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט דעם פּיסטאָל, און אים געגעבן דעם אויסוואַל, אָדער ער נעמט זיך אַליין דאָס לעבן אָדער ער וועט אים דערשיסן. טשערניאַקאָוו האָט געמאַכט דעם אויסוואַל: זעלבסטמאָרד.

דער זעלבסטמאָרד פון טשערניאַקאָוון האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אין געטאָ.

דער גרעסטער שווינדל

אין יולי 1942 באַוויזן זיך אויף די ווענט פון די געטאָ־גאַסן, גרויסע מעלדונגען, אַז עס ווערן פאַרלאַנגט פאַכמענער פון די פאַרשידנסטע צווייגן, אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט קיין מזרח. די וועלכע וועלן זיך מעלדן פרייוויליק וועלן באַקומען 2 ברויטלעך און אַ קילאָגראַם מאַרמעלאַד. חוץ דעם וועלן זיי קאָנען זיין צוזאַמען מיט זייערע משפחות און זיי וועלן קאָנען מיטנעמען זייערע שטוב־זאַכן. מענטשן לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענטקע, פּאַקן איין זייער ביסל אָרעמקייט אין זעק און לאָזן זיך צום אומשלאַג־פּלאַץ. ווען דו פרעגסט אַזעלכן צוליב וואָס ער טוט עס, קומען פאַרשידענע ענטפערס. טייל דערקלערן עס דערמיט, וואָס אויף אַזאַ אופן וועט ער זיין צוזאַמען מיט זיין משפחה. אַנדערע גלויבן, אַז דאָרט וווּ מען שיקט זיי אויף אַרבעט וועלן זיי אפשר האָבן בעסערע באַדינגונגען ווי דאָ אין געטאָ, ווו אין בעסטן פאַל, וועלן זיי אויסגיין פון הונגער אָדער שטאַרבן פון טיפוס. אַ גרויסער טייל פון די, וועלכע שטעלן זיך אַליין צו צום אומשלאַג־פּלאַץ טוען עס צוליב די צוויי ברויטלעך און דעם ביסל מאַרמעלאַד. זיי זיינען אזוי אויסגעהונגערט, אזוי אויסגעשעפּט, אַז דאָס שטיקל ברויט איז פאַר זיי די גרעסטע לאָקונג און זיי ווילן פון גאָרנישט וויסן וווהין און צו וואָס מען שיקט זיי.

אין דער זעלבער צייט ווען מען רופט פרייוויליק זיך צו מעלדן צום אַרויספאָרן, לויפט אַרום די יידישע פּאָליציי איבער די גאַסן און ווען זיי כאַפּן, שלעפּן זיי מיט געוואַלד אַוועק צום אומשלאַג־פּלאַץ. אויך פון די שפּי־טאָלן ווערן אַרויסגענומען די קראַנקע און זיי ווערן טראַנספּאָרטירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. אויך די קינדער, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין קינדער־שפּיטאָל ווערן אַוועקגענומען. און ביי דעם אַלעמען געפינען זיך נאָך ווייטערדיקע פרייוויליקע, וועלכע פּאַקן איין זייער ביסל אָרעמקייט און קומען צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, כדי צו פאָרן צוזאַמען אויף ארבעט קיין... מזרח, ווי סמאָלענסק, כאַרקאָוו, מינסק, אויף גוטע באַדינגונגען, ווי מען גלויבט.

דער „דעזינפעקציע" בלאָף

חוץ די שעפּער, וועלכע ציען אַרויס פון געטאָ די נאָך־באַהאַלטענע מאַ־טעריאַלן און אַנדערע ווערט־זאַכן, האָבן די דייטשן אויסגעפונען נאָך אַ ראַ־פינירטן מיטל ווי אַזוי אויסצופּרעסן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן. מיטאַמאָל האָט דער דייטשער געזונטהייטס־אַמט אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַרן געזונט פון די יידן, דורך אָדורכפירן דיזענפעק־ציעס אין די הייזער. די איינוווינער פון אַזאַ הויז, וואָס ווערט דעזענפעקצירט ווערן אויך אַוועקגעפירט, צוזאַמען מיט זייערע זאַכן, אין באָד־אַנשטאַלט אויף ספּאָקאָינע גאַס. נאָך אַזאַ דעזענפעקציע האָט מען וואָכנלאַנג נישט גע־קאָנט אַריינגיין אין שטוב און די דעזענפעקצירטע זאַכן זיינען שוין אויך נישט געווען צום נוצן. פאַר דעם ד"ר האַגען, הויפּט־דאָקטאָר פון גזונטהייטס־אַמט און פאַר זיינע מיטהעלפער, עפנט זיך דאָ אַ נייער קוואַל פון אָנשטאָפּן זייערע קעשענעס, ווייל פאַר אַ גרויסער סומע אויסקויף־געלט, קאָן מען אויסמיידן די דאָזיקע דעזענפעקציעס און זיי שרייבן אונטער אַ שיין, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

די פאַרניכטונג פון די טויזענטער שול קינדער

אויגוסט 1942. דאָס שווערע לעבן אין געטאָ איז אונבאַשרייבלעך. א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז שוין נישטאָ אין געטאָ, ווי די דייטשן אָדער די פּאָליציי גיבן איבער זיינען די אַלע אויסגעזידלט געוואָרן נאָך דעם „אָסטן" צו ארבעטן און די קינדער אין קאָלאָניעס. דער קליינער געטאָ איז שוין מער נישטאָ. א גרויסע טייל פון זיי האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל אויסגעזידלט געוואָרן. די קראַנקע קינדער פון קליינעם געטאָ (שליסקע שפּיטאָל) זיינען אוועק ווי זיי האָבן געזאָגט אין קינדער קאָלאָניעס, אָבער

אין דער זעלבער צייט זיינען נאָך געווען אין גרויסן געטאָ שאָלעס ווי טױ־זענטער קינדער לערנען גאַנץ אָפּיציעל. און דער יודן־ראַט גיט זיי צו עסן און צאָלן די לערער ווי דער באַוואוסטער קינדער ליבהאָבער און פּעדאַגאָג קאָרטשאַק ע״ה פירט מיט זיי אָן און האָט די אויפזיכט איבער זיי. אָבער די דייטשן האָבן אויף אַלעס אַן אויג און ווען עס קומט ביי זיי דער מאָמענט, איז אין אַ שיינעם טאָג אין אויגוסט 1942 ווי איך האָב געאַרבעט אין דער פירמע אויטאָ קאַראַסאַ. מיטאָגצייט ווען אַלע זיינען ביים עסן, גיי איך מיר ארויס אַביסל פון פאַבריק און לאָז מיך אין דער ריכטונג פון סמאָטשע גאַס. דאָ טרעף איך זיך אָן אויף עפּעס אַזוינס וואָס שוידערט מיך אין גאַנצן אויף. אין דער לענג פון דער סמאָטשע צייט זיך אַ צוג פון טויזנטער קינדער אין דער ריכטנג פון דער ניזקע־סטעאווקע. די קינדערלעך גייען מיט די גימ־נאַסטישע שיכלעך אָנגעטון מיט זייערע לערערינס, לערער פלייגערינס אין די ווייסע פאַרטוכער, אַרומגערינגלט און געיאָגט פון אוקראַיִנישע עס־עס מיט זייער געווער גרייט צום שיסן. מיט אונטערגעהאַקטע פיס און טרערן אין די אויגן בין איך געבליבן שטיין און צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן בילד.

אַן ערך 2 שעה האָט זיך געצויגן דער צוג פון די קליינע קינדער. די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען ווי צוגעשמידט און ניט געקאָנט רירן פון אָרט. דאָס טרייבן מענטשן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ איז אין דערצייט געווען אַ גע־וויינלעך בילד, וועלכן מיר האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט און סהאָט שוין אויף אונדז ניט געמאַכט קיין בעזונדערן איינדרוק. אָבער דאָס דאָזיקע בילד ווי טויזנטער קינדערלעך לויפן מיט זייערע קליינינקע פיסעלעך און ווערן אונטערגעיאָגט פון די אוקראַיִנישע עס־עס האָט אַפילו ביי די סאַמע פאַר־האַרטעוועטסטע אַרויסגערופן טרערן און האָט געקאָנט רירן פון זונען.

איך קער זיך אום אין פאַבריק און דערצייל די יידישע אַרבעטער וואָס איך איך האָב צוגעזען, דאָס מאַכט אויף אַלעמען אַ שווערן איינדרוק.

אַזוי האָט דער מערדערישער דייטש פריער געלאָזט די קינדער זיין אין שולעס מיט די לערערס און צוגעטיילט עסן און מיט איין מאָל אוועק־געפירט זיי, די אומשולדיקע קינדער צום פערניכטן קיין טרעמבלינקע.

דער געטאָ אין וואַרשע איז שוין איצט קליין און איינגעשרומפּן. די קלע־נערע געטאָ איז שוין נישטאָ. די יידן פון דאָרט זיינען פאַרשוווּנדן, „אויס־געזידלט״ געוואָרן, ווי די דייטשן האָבן עס ליב געהאַט צו באַצייכענען. עס קורסירן קלאַנגען, אַז זיי זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט פאַרברענט געוואָרן. מען וויל נישט גלויבן אין דעם, מען קאָן עס נישט

פאַרשטיין: וואָס הייסט עס פאַרברענען טויזנטער מענטשן?!... עס איז אויך לייכטער נישט צו גלויבן אין דעם, דאָס גיט דאָך נאָך אַ פונק האָפנונג, אַז די אַלע נאָענטע און טייערע, וועלכע זיינען פאַרשוווּנדן, לעבן נאָך ערגעץ, אין כּאַרקאָוו אָדער מינסק, און אַז נאָכן קריג וועט מען זיך צוריק זען...

די געטאָ איינוווינער זיינען אינגאַנצן צעבראָכן און רעזיגנירט. אַחוץ אַלעמען דריקט אויף יעדן איינעם די איינזאַמקייט. די משפּחות זיינען צע־בראָכן, נישטאָ קיינער פון די נאָענטע און פריינט, וועלכע זאָלן דיך, אין אַן עת־צרה, ווען אויסהערן, געבן אַ גוטע עצה, העלפן מיט עפּעס. איבער יעדן איינעם שוועבט איצט דער מלאך־המות און יעדער איינער איז כּסדר פאַר־נומען מיט דעם, ווי צו פאַרשטעקן זיין קאָפּ, אַז ער זאָל אויסמיידן די פאַכע־דיקע שווערד... אין אַזאַ לאַגע איז שווער צו לעבן מיט יענעמס נויטן און זאָרגן, אויסצושטרעקן צו עמיצן אַ האַנט פון הילף, ווען יעדער איינער איז אַליין איבערגעלאָדן מיט צרות און קיינער איז נישט ביכולת זיך אַליין צו באַשיצן.

עס ווערן פאַרשפּרייט ידיעות, אַז אַלע שעפער, ווי טעבענס, שולץ, גריי־ער א. א. פּלאַנירן זיך אַריבערצוטראָגן, מיט אַלע זייערע מאַשינען און איינ־ריכטונגען, אין דער געגנט פון לובלין, טראַווניקי, פּיאַסקאָוו, פּאָניאַטאָוו.

די דייטשע דירעקטאָרן פון די אונטערנעמונגען האַלטן שיינע רעדעס פאַר זייערע אַרבעטער, אַז זיי וועלן דאָרטן, ווו מען וועט אַרויספאָרן, האָבן בעסערע באַדינגונגען און אַז זיי וועלן זיין מער זיכער מיט זייער לעבן, ווי דאָ אין וואַרשע. יעדער איינער פון זיי איז אַרויסגעקומען מיטן באַקאַנטן פּזמון: „מיינע יידן וועט קיין בייז נישט פּאַסירן”...

דער גרעסטער טייל אַרבעטער גלויבן שוין נישט אין די שיינע רייד און צוזאָגן פון די דייטשע דירעקטאָרן. זיי גנבענען זיך אַרויס פון די שעפער און אַנטלויפן אין גרויסן געטאָ, וואָס איז שוין איצט, פּאַקטיש, גאַנץ קליין, ווייל דער גרעסטער טייל יידן איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע.

עס קומט איצט אויך די צייט אויף די מוסרים און דייטשע מיטהעלפער. זיי האָבן שוין זייער אַרבעט אָפּגעטאָן און די דייטשן דאַרפן זיי שוין מער נישט האָבן, ווערן זיי פאַרשוווּנדן אָדער מען געפינט זיי דערשאָסענע אין געטאָ. די דאָזיקע דעק־עלעמענטן האָבן געמיינט, אַז מיט זייער צודינען דעם דייטש וועלן זיי ראַטעווען זייער געמיין לעבן, אָבער אפילו פאַר דעם פּרייז, וואָס זיי האָבן געצאָלט — פאַראַט פון אייגענעם פאָלק, פון די אייגענע נאָענטע, פון פריינט און חברים, האָבן זיי זייער הויט נישט געראַטעוועט. די

דייטשן פאַרשפּרייטן די קלאַנגען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דעם יידישן אונטערגרונט, וואָס האָט נישט עקזיסטירט און נישט געקאָנט עקזיסטירן.

אַ געוויסן אינדערפרי הט מען געפונען אַ דערשאָסענעם, אויף עק מו־ראַנאָווסקע און זאַמענהאָף, דעם דאָרן, קליינעם פּראָפעסאָר נאָסיק. דאָס דאָ־זיקע באַשעפעניש, וואָס האָט אָן ספק געדינט די דייטשן, איז שוין געווען אַ זקן אַריבער די זיבעציק און האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף זיינע פיס. פון איין גוטן שטופּ וואָלט ער שוין נישט אויפגעשטאַנען, נאָך וואָס זשע דען פּטרן אַ קויל... אָבער דעם דייטש לוינט צו פאַרשפּרייטן די ווערסיע, אַז ער איז אומגעקומען דורך דעם אונטערגרונט.

פאַרוואָס האָט די אונטערגרונט, אויב אַזעלכע וואָלט עקזיסטירט, נישט אָפּגערוימט די גאַנץ אָפענע געסטאַפּאָ־פּאַרעטער ווי קאָהן, העלער, גאַנצווייך, דעם משומד יוזעף שערינסקי, שמערלינג, מערלינס, רומקאָווסקי. האָט דאָך טשערניאַקאָוו, אין משך פון דריי יאָר, מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ, האָט דאָך די יידישע פּאָליציי געכאַפּט מענטשן און זיי געפירט אויפן אומ־שלאַג־פּלאַץ, פאַרוואָס האָט די אונטערגרונט נישט דערגרייכט צו זיי?...

די דערמאָנטע דייטשע מיטהעלפער זיינען אומגעקומען גאַנץ געוויינ ווי אַלע אַנדערע יידן. קיין אונטערגרונט האָט ביי די דייטשן נישט געקענט עק־זיסטירן, נישט נאָר ביי יידן נאָר אפילו נישט ביי די אַנדערע פעלקער. און דאָס וואָס האָט יאָ עקזיסטירט, איז געווען אומבאַדייטנדיק. וועגן דער פאַר־טיזאַנער באַוועגונג נעם איך נישט קיין שטעלונג. איך ווייס נישט.

מערץ 1943. דער וואַרשעווער געטאָ איז איצט שוין קליין און איינגע־שרומפּן, בלויז אַ פּאָר האַלבן גאַסן, וועלכע זיינען אינדערמיטן איבערגע־האַקט און אַרומגעצוימט מיט אַ מויער. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער געגנט, ווו עס האָט נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק געבורזעט מיט לעבן, אפילו אין די טראַגישע אומשטענדן, באַלאַנגט שוין איצט נישט צום געטאָ. דאָרט איז איצט קיינעמס־לאַנד — קיינער וווינט דאָרט נישט. עס איז אַ פּחד צו קוקן אויף די פּוסטע, נישט־באַוווינטע הייזער און גאַסן. פון דעם איבער אַ האַלב מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין וואַרשע, איז איצט געבליבן נישט מער ווי אַרום פופציק טויזנט יידן.

די גאַסן פון געטאָ זיינען איצט ווי האַלב־אויסגעשטאָרבן. מען זעט נישט אינגאַנצן קיין קינדער. עס זיינען מער נישטאָ די גרופּעס קינדער, וועלכע פלעגן אַרומגיין איבער די גאַסן און הייף און מיט אַ תחנונימדיקן קול אויס־זינגען: וואַרפט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט, וואַרפט אַראָפּ! נישטאָ מער דער

געטאָ־לץ רובינשטיין, וואָס פלעגט זיך אומעטום באַווייזן מיט זיין: אַלע גלייך, אַלע גלייך! — דער לץ־נביא, וואָס האָט פּאָראויסגעזען, אַז אַלע וועלן האָבן דעם זעלבן סוף, עס וועט נישט מיידן אויך די גבירים און יחסנים. מען זעט שוין אפילו זעלטן פּינקערטס עגלה, וואָס האָט ביז לעצטנס, קיינמאָל נישט באַוויזן אויפצונעמען פון די גאַסן די טויטע. מען זעט איצט ווייניקער יידישע פּאָליציי. זיי האָבן זייער אַרבעט אָפּגעטאָן און דערנאָך געטיילט דעם זעלבן גורל ווי די, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט און אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. מען זעט שוין מער נישט אויף די גאַסן די „כאַפּערס", וואָס האָבן שטענדיק געלויערט אויף די דורכגייער, כדי צוצושטעלן די באַשטימטע צאָל „קעפּלעך".

אין געטאָ הערשט אַפּאַטיע און נידערגעשלאָגנקייט. די איינוווינער באַוועגן זיך ווי שאָטנס, ווי פּאַראורטיילטע.

בלויז קליינע גרופּן איינוווינער טיילן זיך שאַרף אויס פון דעם גאַנצן אַרום. צו זיי געהערן די שמוגלער, וועלכע מען דערקענט גלייך לויט זייער שרייעדיק־אויסגעפּוצטן אָנטאָן און די אויסגעפּאַשעטע פּנימער. זיי זיינען איצט די אַריסטאָקראַטיע פון געטאָ. זיי פּאַרדינען גראָבע געלטער. זויפן זיי און הוליען און ווייטער גייט זיי גאָרנישט אָן, זיי זעען אפילו נישט, וואָס אַרום זיי טוט זיך. מען זעט נאָר די צוויי מערדער, קלויסטערמייער און פראַנקענשטיין, מיט די פּיסטוילן, וואָס וועמען זיי טרעפן, דערשיסן זיי.

אויסגעטיילט האָט זיך אויך אַ גרעסערע גרופּע יידן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער „ווערטערפאַסונג", מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער געסטאַפּאָוויעץ קאָנראַד. נאָכן אַרויספירן און אויסהרגענען די יידן פון וואַרשעווער געטאָ, האָבן נאָך די דייטשן אַלץ געוואָלט זיך באַרייכערן פון זיי. זיי האָבן געזוכט די פּאַרמעגנס, צו וועלכע זיי האָבן ביז איצט נישט געקאָנט צוקומען מיט זייערע קאָנטריבוציעס און רויבערייען — די פּאַרמעגנס, וואָס אַ טייל פּאַרמעגלעכע יידן האָבן איינגעמויערט ערגעץ אין די ווענט, אָדער באַגראָבן אונטער דער פּאָדלאָגע. צו דער דאָזיקער ברודיקער אַרבעט האָבן די דייטשן איינגעשפּאַנט אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט ביים געפינען די פּאַרבאַהאַלטענע זאַכן.

יעדן אינדערפרי האָט מען געקאָנט זען די דאָזיקע גרופּן באַלאָדן מיט ספּעציעלע העקלעך און העמערלעך, מיט וועלכע זיי פלעגן קלאַפּן אין די ווענט און לויטן אָפּהילך, האָבן זיי שוין אַרויסגעפילט, וווּ עס איז עפּעס באַהאַלטן.

די ווערטפולע זאַכן זיינען זאַרגזאַם פאַרפּאַקט און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. יעדן טאָג האָט מען גאַנצע עשאַלאָנען מיט יידיש האָב־און־גוטס אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין פאַרשידענע שטעט פון דייטשלאַנד. דאָס וואָס עס האָט זיי נישט געלוינט אָפּצושיקן ווי: ביליק מעבל, קיך־געשיר, צעבראָכענע בענקלעך א. א. וו. פלעגט יעדן שבת ליציטירט ווערן אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע.

הונדערטער פּאָליאַקן פלעגן יעדן שבת באַלאַגערן די סינאַגאָגע און אָנקוועלן פון דער פאַרשטעלונג, וואָס די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט בעת דער ליציטאַציע און זיי פלעגן זיי האַרציק דאַנקען פאַר די מציאות, וואָס זיי האָבן געקויפט. דאָס איז געווען דאָס ביינדל, וואָס געבעלס האָט זיי צוגע־וואָרפן פאַר זיינע צוזאָגן, אַז זיי וועלן באַקומען יידיש פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט באַקומען און אויך זיי האָט מען אָפּגענאַרט.

די יידן וועלכע אַרבעטן אין דער ווערט־ערפאַסונג געהערן צו די פּריווילעגירטע. זיי פאַרנעמען די גאַנצע ניזקע גאַס און נאָך עטלעכע הייזער פון פּאָקאָרנע. זיי קריגן צוגעוואָרפן פון קאָנראַדן אַ שמייכל, מער ברויט און אַ שטיקל פליישׁ. ער קריגט דאָך דורך זיי אַריין ריזיקע פאַרמעגנס און ער שטופט זיך אָן פול די אייגענע טאַשן.

אַ פריילעכע אויפטרייסלונג פאַר די יידן
די גרויסע אָפענסיווע פון די רוסישע ארמייען

די פּוילישע אַרבעטער פון דער קאָראָסעריע־פאַבריק, ווו איך אַרבעט, גיבן איבער וועגן אַ ריזיקער אָפענסיווע פון דער סאָוויעטישער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד. זיי דערציילן וועגן רוסישע "קאַטיושעס", וועלכע שפּריצן מיט פייער, פאַר וועלכע די דייטשן האָבן מורא אש להבה און זיי אַנטליופן אין פּאַניק און פאַרלאָזן די איינגעפעסטיקטע פּאָזיציעס.

אַזעלכע נייעס זיינען מיר נישט געווען געוווינט צו הערן. ביז איצט איז אַלץ געווען פאַרקערט: די דייטשן זיינען געגאַנגען פון איין נצחון צום צווייטן און עס איז נישט געווען דער כוח, וואָס האָט זיך זיי געקאָנט אַנטקעגנשטעלן. עס איז ממש שווער פאַר אונדז צו גלויבן, אַז די דייטשן כאַפּן קלעפּ און אַז אַנשטאָט נצחונות הויבט זיך אָן די צייט פון זייערע מפּלות. אונדזער פרייד איז אין לשער. מיר קאָנען ממש נישט קאָנטראָלירן אונדזער גרויסע פרייד. אונדז דאַכט זיך, אַז דער געסטאַפּאָ דירעקטאָר פון אונדזער פאַבריק, פרידע־ריק, שעמט זיך צו קוקן אונדז אין די אויגן. אונדזער פאַנטאַזיע צעשפּילט

זיך אָן שום גרענעצן און מיר מאַכן אַ חשבון, אַז אויב די דייטשן האָבן, אין געציילטע טעג, באַוויזן צו דערגרייכן ביז די טויערן פון מאָסקווע, איז פאַר־וואָס איז נישט מעגלעך דאָס פאַרקערטע: אַז אין געציילטע טעג זאָלן די רוסן זיין ביי אונדז אין וואַרשע...

גלייכצייטיק מיט דער גרויסער פרייד וואַקסט ביי אונדז אויך די מורא, אַז אויב די נאַציס וועלן טאַקע אָפּטרעטן, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זיי קאָנען דאָך מיטשלעפּן דאָס לעצטע ביסל יידן, וואָס איז נאָך געבליבן אין געטאָ. עס פאַלט דאַן דער געדאַנק פון גראָבן בונקערס, וו מען זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן אין דער צייט. עס הויבט זיך אָן אין געטאָ אַ פיבערהאַפטע אַרבעט פון גראָבן און צוגרייטן בונקערס. יעדע גרופּע יידן, אין יעדן הויז, גראָבן בונקערס. די אַרבעט ווערט געטאָן ביינאַכט, געהיים, קיינער זאָל נישט וויסן. בלויז די, וועלכע זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט צוגרייטן דעם בונקער, וויסן וועגן אים. אפילו די, וועלכע וועלן שפּעטער פון אים געניסן, ווייסן דערווייל נישט, וו און ווי אזוי ער ווערט געבויט. די פאַרזיכטס־מיטלען זיינען צוליב דעם, ווייל עס זיינען דאָ גענוג מוסרים, וועלכע טראָגן צו וועגן דעם, וו מען דאַרף.

דאָס בויען די בונקערס פאַרנעמט איצט דעם אויבנאָן. אַלע געטאָ־יידן זיינען איצט פאַרנומען מיט דעם. אָבער אַלץ אין געהיים.

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַרבעטן אויף דער אַרישער זייט, ביי קריסטן, פאַרזעען זיי זיך מיט באַהעלטענישן, ווען זיי וועלן דאָס מעגלעך באַדאַרפן. איצט איז אַ גרויסער פּראָבלעם פון שפּייז אויף אַ מינימום פון דריי חדשים.

איז ווי ווייט מעגלעך יעדער באַקט זיך אַביסל ברויט, סוכאַרעס און אַביסל שפּייז ווי איינער קאָן און מען באַהאַלט דאָס אויף דער צייט, ווען מען וועט דאָס באַדאַרפן.

די נייעסן פון די פראָנטן בלאָזן אַריין אין אונדז צוריק אַ רוח חיים. איז דאָך מעגלעך, אַז מיר זאָלן נאָך דערלעבן די פולשטענדיקע מפלה פון די מערדער. דער געדאַנק פאַרשיכורט אונדז ממש, שמידט אונדז צוזאַמען, ווי מיט שטאָל.

די יידישע פּאָליציי, די אַלע וועלכע האָבן אויף אַ וועלכן עס איז אופן, געדינט און צוגעדינט די דייטשן, זיי האָבן איצט אַביסל אַראָפּגעלאָזט פון טאָן. זיי האַלטן זיך איצט אַביסל פון דערווייטנס און גייען שוין נישט מיט

אַזעלכע פּאַריסענע קעפּ. זעט אויס, אַז זיי האָבן געבויט זייער לעבן נישט אויף דער מפּלה, נאָר אויפן נצחון פון דייטש...

יעדן טאָג זיינען די נייעס פון די פראָנטן דערמוטיקנדיקע און פריילע־כע. אָט גיט מען איבער וועגן דעם, אַז כאַרקאָוו איז שוין צוריק ביי די רוסן. ביי אַ סך פון אונדז וועקט עס פרישע האָפנונגען: האָבן דאָך די דייטשן בסדר דערציילט, אַז די אַלע יידן וועלכע זיי שיקן אַרויס, גייען אויף אַרבעט קיין כאַרקאָוו. איז אפשר זיינען נאָך דאָרט לעבן געבליבן אונדזערע נאָענטע און טייערע?...

עס דערנעענטערט זיך דער יום־טוב פּסח, דער יום־טוב פון באַפרייאונג מיר האָפן, אַז אפשר וועלן מיר שוין אינגיכן קאָנען אין דער הגדה איינשליסן עפּעס, אַ שטיקעלע פּיש, אַ פּיצעלע פליש, וואָס זאָל אונדז דערמאָנען אין די אַמאָליקע סדר־נעכט. ביי אונדז אין הויף וווינען 40 משפּחות, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער קאַראָסעריע־פאַבריק. משפּחות — ווי ווייט איז דאָס פון דערווירקלעכקייט. דאָס זיינען בלויז אָפּגעריסענע גלידער פון משפּחות. פון אַ משפּחה איז בלויז געבליבן אַ טאַטע, בלויז אַ קינד, אַ מאַמע. אַ משפּחה פון איין פּערזאָן, וועןּ פריער האָט זי געציילט פיל, פיל מיטגלידער. אין דער דאָזיקער צעבראָכנקייט, איינזאַמקייט, דערנעענטערן מיר זיך איינער צום אַנדערן, כדי אויסצופילן מיט דעם, דעם בלויז וואָס יעדער איינער פילט. אין אונדזער פאַבריק אַרבעטן אויך פּאָליאַקן און דורך זיי זעען מיר זיך צו פאַרזאָרגן מיט די יום־טובדיקע מאכלים און זאָגן צו די, וואָס זיינען נישט בכוח זיך מיט עפּעס צו פאַרזאָרגן, אַז מיר וועלן זיי העלפן.

מיר האָבן אַ שכן אַ רב, וואָס וועט אונדז באַזאָרגן מיט מצות, מרור, כּרפּס, חרוסת. זינט דער דייטש איז אַריין קיין וואַרשע לעבט דער רב אין אַ בונקער. ער האָט שוין אַ פּאָר יאָר נישט געזען די ליכטיקע שיין. ער ווייסט, אַז די זון וואָס שיינט פאַר די דייטשן, שיינט נישט פאַר אים.

אַ סך פון מיינע מיטאַרבעטער ווילן אָפּריכטן דעם סדר צוזאַמען מיט מיר. איך בין נאָך אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס איך האָב אַ זעקס־יאָריק יינגעלע — נישט מיינס — וואָס וועט מיך פרעגן די פיר קשיות. וואָס צו ענטפערן אים, פאַרוואָס מיר ליידן אַזויפיל, פאַרוואָס עס קומט אונדז אַזויפיל צרות, ווייס איך נישט...

מען גיט איבער, אַז מאַסן פאַרוווּנדעטע דייטשן ווערן געבראַכט קיין וואַרשע פון רוסישן פראָנט. די שפּיטאָלן זיינען פול מיט פאַרוווּנדעטע דייטשן. אָן הענט, אָן פיס, מיט אויפגעריסענע בייכער דורך די לעגענדאַרע

„קאַטיושעס״. קיין פריילעכערע ידיעות לכבוד יום־טוב קאָנען פאַר אונדז גאָרנישט זיין.

ערב פסח. היינט אין אָוונט איז דער ערשטער סדר. איך באַשליס היינט צו פאַרלאָזן די פאַבריק אַביסל פריער און נישט וואַרטן צו גיין צוזאַמען מיט דער קאָמאַנדע. איך וועל אַריינגיין אין געטאָ דורך איינעם פון די לעכער אויף סמאָטשע 40, וואָס איז געווען געמאַכט דורך די שמוגלערס. איך קאָן זיך שוין קוים דערוואַרטן דעם פאַרנאַכט. איך וועגד זיך צום געסטאַפּאָ־קאָנטראָליער, אַז איך וויל היינט אַוועקגיין אַביסל פריער און באַקום אויף דעם זיין דערלויבעניש.

אין דרויסן איז פרילינגדיק. ס׳איז מחיהדיק אנגענעם. די זון לאַכט דיר אַריין אין די אויגן. ביז איצט האָט מען די זון גאָרנישט געזען, גאָרנישט געוווּסט, אַז זי לייכט נאָך, אַז זי וואַרעמט. איצט דערפיל איך די אנגענעמע וואַרעמקייט אין אַלע מיינע ביינער.

איך קום בשלום אַהיים. מיין היים איז איצט ביי דער קליינער משפחה לויפער, וואָס איר מאַן איז דערשאָסן געוואָרן און איך בין איצט איר פאַר־זאָרגער. אין שטוב איז אויפגערוימט, געמיטלעך, יום־טובדיק. דאָס קינד וואַרט שוין אויף מיין קומען, ווייל איך האָב אים צוגעזאָגט צו קויפן אַ פּאָר נייע שיכלעך. איך נעם אים טאַקע מיט זיך און לויף זוכן פאַר אים שיכלעך, וואָס עס איז געווען זייער שווער צו באַקומען, ווייל אין דער צייט זיינען שוין אין געטאָ געווען זייער ווייניק קינדער.

אויף די גאַסן פון געטאָ פילט מען דעם ערב יום־טוב. מען דערוואַרט דעם פסח, אזוי ווי ער וואָלט אונדז באַדאַרפט ברענגען די באַפרייאונג.

די זון זעצט זיך. עס פאַלט צו די נאַכט. מיינע אַרבעטס־חברים קומען פון פאַבריק אין אַ געהויבענער שטימונג. יעדער איינער באַוויזט זיך מיט די זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפט לכבוד יום־טוב.

מיט מיר צוזאַמען וועלן אָפּריכטן דעם סדר אַ 20 מענטשן, וועלכע זיי־נען געבליבן אַליין. צווישן זיי זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס אין די פריער־דיקע יאָרן האָבן זיך ביי זיי, צו די סדרים, אויסגעזעצט צענדליקער משפחה־מיטגלידער. איצט זיינען זיי עלנט, איינזאַם, אַ שטאַם אָן צווייגן און בלעטער, טוליען זיי זיך צו מיר און איך צו זיי, אזוי ווי פאַריתומטע קינדער.

די טישן ביי מיר זיינען געגרייט. עס שיינען אַראָפּ פון זיי צוויי ליכט, אַ פּאָר שטיקלעך שוואַרצע מצה, אַביסל וויין, מרור, וועלכער פאַרנעמט אַ

גאַנץ יאָר דעם אויבנאָן אין געטאָ... די שטימונג ביי אונדז איז אַ מונטערע, אַ געהויבענע.

מיר שטעלן אַוועק ביים טויער אַ שומר, ווי אַלע מאָל נאָך זיבן אין אָוונט. עס זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אַ פרעמדער צו אונדז אין הויז און מיר מאַכן זיך גרייט צו דאַווענען מעריב.

פּלוצלונג פאַלט אַריין דער שומר מיט אַ שרעק, אַז אין געטאָ אַריין שטראָמען דייטשן פון אַלע זייטן. מיר רייסן איבער דאָס דאַווענען מעריב און מיר לויפן באַלד ארויף אויפן דריטן שטאָק, וווּ מיר האָבן אַ באַהעלטע־ניש און אָבסערוואַציע־פּונקט. מיר קוקן אַרויס און עס ווערט אונדז פינצטער אין די' אויגן: אַלע גאַסן, וועלכע מיר קאָנען נאָר אַרומכאַפּן פון אונדזער אָב־סערוואַציע־פּונקט זיינען פאַרפלייצט דורך צענדליקער טויזנטער געסטאַפּאָ, זשאַנדערמעריע, אוקראַינער — אָן זיי איז קיין שום אַקציע נישט דורכגע־פירט געוואָרן — פוילישע פּאָליציי. אַלע לויכטן זיי מיט קליינע לעמפּעלעך און דאָס טופּען פון זייערע שווערע, באַטשוועקעטע שיך, הילכט אָפּ אין דער נאַכטיקער שטילקייט און וואַרפט אָן אַ שרעק. אַלע הייזער ווערן באַשטעלט דורך די זשאַנדאַרמען מיט מאַשין־געווער, וועלכע שטייען פון ביידע זייטן טויער. וואָס דאָ קומט פאָר איז פאַר אונדז נישט קלאָר: קיינמאָל איז נאָך ביינאַכט נישט פאַרגעקומען קיין אַקציע, נאָר שטענדיק אין די פרימאָרגנס אָדער בייטאָג.

אָן אויפהער מאַרשירן אַריין אין געטאָ אַלץ נייע און נייע גרופּן, באַוואָפנטע מיט קורצע מאַשין־געווערן.

פון אָפּריכטן דעם סדר איז שוין איצט נישטאָ וואָס צו קלערן. מיר שיקן אַראָפּ אַלע איינוווינער אין דעם צוגעגרייטן בונקער. יעדער נעמט זיך מיט די צוגעגרייטע סוכאַרעס און אַנדערע נויטיקע זאַכן און גייען אַראָפּ זיך באַ־האַלטן אין בונקער.

בוו אונדז אין הויף איז אויך פאַראַן אַ גרופּע פון אַ צוואַנציק פּערזאָן, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער פירמע קאָזשעניעטקאָווסקי, אויף וואַ־ליצאָוו 12. דאָס זיינען אַלץ פאַכמענער, ווי: מעכאַניקער, בלעכער, עלעקטראָ־טעכניקער און ענלעכע ספּעציאַליסטן. אַלס גוטע פאַכמענער, האָבן זיי גע־האַלטן, אַז זיי וועט גאָרנישט געשען און זיי האָבן אפילו נישט געוואָלט פּי־נאַנציעל און טעכניש אָנטיילנעמען ביים צוגרייטן דעם בונקער ביי אונדז אין הויז. זיי האָבן וואַרשיינלעך זיך יאָ געוואָלט פאַרזיכערן, אויף יעדן פאַל, אָבער די באַהעלטענישן האָבן זיי געזאָלט מאַכן ביי זיך אין פאַבריק, ביי די

קריסטן. איצט קומען זיי צולויפן צו אונדז און בעטן, מען זאָל זיי אַריינגעמען צו אונדז. פאַרשטייט זיך, אַז מיר נעמען זיי אַריין אין בונקער, פונקט ווי אונדזערע מענטשן.

באַזוכנדיק מיט אַ פּאָר יאָר צוריק ישראל, האָב איך דאָרטן געטראָפן אַ גרופּע פון די, וואָס מיר האָבן אַריינגענומען אין בונקער. איך האָב ביז דאַן נישט געוווּסט, אַז זיי זיינען געבליבן לעבן און מיין פרייד, דערמיט איז געווען אין לשער.

מיר שאַפן גלייך אַ קאָמיטעט פון צען מענטשן, וועלכער זאָל אָרגאַניזירן און אָנפירן מיטן לעבן אין אונדזער הויף. ווי אַלע מאָל, ווער איך אויך איצט, באַשטימט אַלס דער עלטסטער פון קאָמיטעט, אַלס מיין פאַרטרעטער ווערט באַשטימט האַלבערשטאַם, וועלכער לעבט איצט אין ישראל און איז, אגב, פאַרוואַנדט מיט דער שרייבערין רחל אויערבאַך. אין קאָמיטעט גייען אויך אַריין די צוויי ברידער מיעטעק און סאַלעק זילבערבערג. סאַלעק איז שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, דורך וואַרפן זיך פון דריטן שטאָק. עס גייען אויך אַריין די צוויי ברידער כריניעוויעצקי. איינער לעבט איצט אין פּאַריז; דער צווייטער איז אומגעקומען ביים שפּרינגען פון צוג, וועלכער האָט אים געפירט קיין מיידאַנעק. צום קאָמיטעט געהערט אויך בערלאַנד, וועלכער לעבט איצט אין ישראל און האָט באַשריבן אונדזערע איבערלעבונגען אין אַ בוך אונטערן נאָמען: „300 שעה אין גוססדיקן געטאָ", אין וועלכן ער שרייבט אויך וועגן מיין פּערזאָן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט שטייען מיר אויף אונדזער אָבסערוואַציע־פּונקט, אויפן דריטן שטאָק. קיין ענדערונגען אין דער סיטואַציע זעען מיר נישט. די הייזער זיינען אַלע באַשטעלט; אינמיטן גאַס מאַרשירן אַרום די נאַציִשע פאַרברעכער, מיט די טאַשן־לעמפּלעך, און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט קלינגט אָפּ דער עכאָ פון זייערע פּרייסישע שטיוול.

שפּעט אין דער נאַכט קומען מיר אַ ביסל צו זיך. מיר דערפילן דעם הונגער און גייען אַראָפּ אין די וווינונגען צו כאַפּן עפּעס אין מויל אַריין. אַלע גייען צוריק אין בונקער און אַכט פּערזאָן בלייבן אויף אָבסערוואַציע.

אזוי גייט פאַרביי, אין שרעק און אומרו, די ערשטע סדר־נאַכט.

צומאָרגנס אין דער פרי זעען מיר שוין פון אונדזער אָבסערוואַציע־פּונקט, ווי מען פירט גרופּן יידן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, וואָס איז געווען נישט ווייט פון אונדז. מיר הערן ווי דייטשן גייען אַרום און רופן: יודען ראַוס, עס וועט אייך גאָרנישט פּאַסירן! קיינער פון אונדז רופט זיך אויף דעם נישט אָן.

ביי אונדז טליעט נאָך אַ האָפענונג, אַז דער געסטאַפּאָ דירעקטאָר, פרידריק, וועט אונדז קומען געמען צו דער אַרבעט. ער קומט אָבער נישט. דאַן ווענדט זיך צו אונדז דער גרופּן־פירער פון אונדזער פאַבריק, אַז מיר זאָלן אַליין אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אַלס געשלאָסענע גרופּע. האַלטנדיק די דאָקומענטן אין די הענט. מיר וואַרפן אָפּ זיין פאָרשלאָג און מיר האַלטן נאָך אַלץ, אַז פרידריך קאָן זיך יעדע מינוט באַווייזן און אונדז אָוועקפירן אין דער פאַבריק. אויך די גרופּע אַרבעטער פון קאָזשענטקאָווסקי, זיינען מער ווי זיכער, אַז זייער געסטאַפּאָ, סטאָאינסקי (ווי עס איז דערנאָך באַוווסט געוואָרן, איז ער געווען אַ פאַרשטעלטער ייד), וועט זיי קומען נעמען צו דער אַרבעט. זיי האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז די נאַציס קאָנען זיך נישט באַגיין אָן זיי... זיי זיינען דאָך עפּעס ערשטקלאַסיקע פאַכמענער. אזוי האָט מען אונדז, אויף אַ ראַפינירטן אופן, אָפּגענאַרט און איינגערעדט און מיר האָבן זיך געלאָזט איינריידן.

אונדזער גרופּן־פירער ווענדט זיך צו אונדז, נאָך אַמאָל, מיט זיין פריערדיקן פאָרשלאָג און ווען מיר זיינען ווידער נישט מסכים, נעמט ער אַרויס זיין אַרבעטס־דאָקומענט, מיטן גרויסן האָקנקרייץ, און גייט אַרויס פון דעם בונקער. ווען עס גייט אַדורך אַ שטיקל צייט און ער קערט זיך נישט אום צוריק, גייט איינער פון אונדז, כריניעוויעצקי, אַרויס זען וואָס מיט אים איז געשען. ער קערט זיך באַלד אום צוריק אינגאַנצן אָן אויפגעציטערטער און גיט אונדז איבער, אַז דער גרופּן־פירער ליגט אין טויער אַ דערשאָסענער. די ידיעה דערשיטערט אונדז און מיר גיבן זיך איצט אָפּ אַ חשבון, אַז מיר געפינען זיך אין אַ גאָר קריטישער לאַגע.

פון אונדזער פאַרמאַסקירטן פענצטער זעען מיר פירן גרופּן מענטשן פון די גאַסן מוראַנאָווסקע, זאַמענהאָף, מילע. פון דעם אומשלאַג־פּלאַץ דערטראָגן זיך צו אונדז געשרייען און געוואַלדן. מיר הערן אויך איינצלנע רעוואָלווערשאָסן.

אזוי גייט אַדורך דער ערשטער טאָג פּסח, צו וועלכן מיר האָבן זיך געגרייט מיט אזויפיל האָפענונג.

עס דערנענטערט זיך די נאַכט. די הייזער זיינען כסדר באַשטעלט. אין די גאַסן מאַרשירן ארום די דייטשע און אוקראַינישע מערדער. דער הונגער ביי אונדז לאָזט זיך גוט פילן. קאָכן קען מען נישט, דער רויך זאָל נישט פירן אויף אונדזערע שפּירן. אַמערגסטן איז מיט די פּאָר קליינע קינדער, וואָס פאַרשטייען נישט די לאַגע און זיי בעטן עסן.

דעם צווייטן טאָג זעען מיר ווידער פירן גרופן יידן, מענער, פרויען, איינצלנע קינדער, אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. די דייטשן רופן נאָך אַלץ, אַז די יידן זאָלן אַרויס פון די באַהעלטענישן און עס וועט זיי גאָרנישט געשען. אין מיטן טאָג זעען מיר אַ פייער. ערגעץ ברענט אַ הויז. ווו דאָס איז, ווייסן מיר נישט. מיר שטעלן אייַן אַ פאַרבינדונג מיט די שכנותדיקע הויפן. אויף מוראַ־נאָווסקע 36 געפינט זיך דער חשובער רב, וועגן וועלכן איך האָב שוין גע־שריבן און נאָך איינוווינער. זיי זיינען אַלע אין אַ געדריקטער שטימונג און ווייסן אויך נישט צו דערקלערן, וואָס די דייטשן גייען מיט אונדז טאָן. אויף מוראַנאָווסקע 40 איז די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג פון יידן־ראַט. אויך דאָרט ווייסט קיינער נישט ווי אזוי צו דערקלערן אונדזער לאַגע און וואָס אונדז דערוואַרט.

אויפן דריטן טאָג זעען מיר שוין מער הייזער ברענען. די פענצטער פון אונדזער הויז ווערן אָנגעוואַרעמט פון דער היץ. איצט זעען מיר שוין, אַז די מערדער צינדן אונטער די הייזער, כדי די מענטשן זאָלן פון דאָרטן אַרויס־גיין. זיי ווייסן, אַז די לעצטע געטאָ־יידן האָבן ביי זיך פיל געלט און ווערט־זאַכן און דעריבער ווילן זיי, אַז זיי זאָלן אַרויס לעבעדיקע, מען זאָל זיי נאָך קענען באַרויבן. אגב, איז שוין נישטאָ פינקערט מיט זיין עגלה און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל באַגראָבן די הרוגים.

עס ברענען שוין אַלע הייזער אַרום. די היץ דערלאַנגט שוין צו אונדז און עס איז שוין נישט מעגלעך צו שטיין ביים פענצטער. די גאַנצע געגנט אַרום שטייט אין פלאַמען. אויף די גאַסן זעט מען שוין נישט קיין דייטשן. זיי שטייען איצט פאַררוקט אין די לעבער און באַוויזן זיך בלויז דאַן, ווען עס קריכט ערגעצווי אַרויס פאַרסמאַליעטע יידן.

עס שטיקט דער רויך אין ברענענדיקן געטאָ. עס ברענען די הייזער אויף אונדזער גאַס. פון די פענצטער און באַלקאָנען פון די ברענענדיקע הייזער זעט מען פליען פעקלעך. דאָס שפּרינגען מענטשן, וועלכע זיינען פאַרפאַלגט פון דעם פייער, אָדער דאָס וואַרפט מען אַרויס פון די ברענענדיקע הייזער די קינדער, איינגעוויקלט אין זאַכן און בעט־געוואַנט. אָפּטמאָל שיסן די דייטשן אין די דאָזיקע פעקלעך, אין פלי, און שיסן אַדורכ די אומגליקלעכע קינדער.

מיר וואונדערן זיך, וואָס אונדזער הויז ברענט נאָך נישט. מיר ווילן דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס אין אונדזער הויף וווינען גרויסע ספּעציאַליסטן און עס איז אַרויסגעהאָנגען אַ גרויסע שילד, וועלכע ווייזט אָן, אַז דאָ וווינען

די פאַבלייט פון דער אויטאָ־קאַראָסעריע פאַבריק. און אפשר, קלערן מיר, איז עס אין זכות פון דעם, וואָס אין צווייטן הויף איז דער יודנראַט און דעריבער שאַנעוועט מען אונדז אויך. אָבער נישט לאַנג האָט עס גענומען און אויך אונדזער הויף און דאָס הויז פון יודענראַט זיינען שוין אויך געשטאַנען אין פלאַמען. דאָס זיינען געווען די לעצטע הייזער פון גאַנצן אַרום.

אונדזער הויף ברענט. מיר נוצן אויס די לאַגע. מיר ווייסן גוט, אַז די דייטשן וועלן נישט קומען אין אַ ברענענדיק הויז, באַשטימען מיר צו עפענען אַביסל די קליאַפּע פון אונדזער בונקער, כדי צו קאָנען כאַפּן אַביסל לופט. אַ קוק טוענדיק איצט, איינער אויף דעם אַנדערן, כאַפּט אונדז אַרום אַ שרעק. שוין אַכט טעג, אַז קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געוואַשן, נישט ראַזירט. אַלע זיינען שוואַרץ פון קוילן־שטויב, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין די מלבושים און אויף די פּנימער. מיטאמאָל ווערט א מהומה, דאָס דעכל פון דעם פאַר־הייזל הויבט אָן צו ברענען פון די פונקען, וואָס פאַלן כסדר אויף דעם. מיר אָרגאַניזירן גלייך אַלע מענער צו דער רעטונגס־אַרבעט. מיר שטעלן זיך אויס אין דער לענג און גיבן איבער פון האַנט צו האַנט עמערס מיט וואַסער. זילבערבערג, כריניעוויעצקי, גאָלדבערג, איך און נאָך אַ פּאָר מענער גיסן דאָס וואַסער אויפן סופיט. צום אומגליק איז אין מיין ווינונג געווען אַ פאַס מיט שיטערן, גרינעם זייף, וואָס דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די היץ און געשטיקט מיט אַ געדיכטן, שוואַרצן רויך.

די הענט האָבן זיך פּשוט געסמאַליעט פון די פאַלנדיקע פונקען. די קליידער זיינען פול מיט אויסגעברענטע לעכער. הונדערטער עמער וואַסער ווערן געגאָסן אויפן דעכל און סופיט פון דעם פאַרהייזל, וואָס איז איבער אונדזער בונקער. מיר האָבן מורא עס זאָל נישט איינפאַלן און דעמאָלט פאַרשיט עס דעם אַריינגאַנג אין בונקער. אומדערמידלעך זיינען ביי דער אַרבעט די ברידער כריניעוויעצקי, האָלבערשטאַם, די ברידער פרידמאַן, גאָלדבערג, קאַץ, האפע, מיין שוואָגער דוד קאַרמאַן און איך.

אונדזער הויז איז איצט איין בראַנד־פייער. אונדזער גאַס און די אַרומיקע גאַסן שטייען אין פלאַמען. אומעטום ווו דאָס אויג גרייכט און פאַלט זיינען בלויז פלאַמען און פייער. און אין די פלאַמען סמאַליען זיך און קומען אום, מיטן שוידערלעכסטן טויט, די רעשטלעך פון די וואַרשעווער יידן. טויזנטער דייטשן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פוס שטייען און גיבן אַכטונג. ווער עס קומט אַרויס פון אַ ברענענדיק הויז ווערט אָוועקגעפירט אויף דעם אומשלאַגפּלאַץ.

עס פאַלט צו די נאַכט. פאַרסמאַליעטע, אָפּגעריסענע, פאַרצווייפלטע

גייען מיר אַרונטער אין בונקער זיך אַביסל אָפּרוען. אַנדערע פאַרנעמען אונ־דזערע ערטער. מיר פֿאַלן אַוועק ווי געהרגעטע.

דער צענטער טאָג אין בונקער.

די הייזער אַרום אונדז ברענען נאָך אַלץ. אונדזער הויף זעט אויס ווי אַ לאַמטערנע. אינעווייניק איז אַלץ אויסגעברענט. בלויז די דיקע בעלקעס ברענען נאָך. מיר באַשליסן ביים דאַזיקן פייער אָפּצוקאָכן אַביסל קאַרטאָפל מיט גרויפּן. צוויי שוועסטער, בײדע אין געלע שטיוול, פון דער פאַמיליע בערלאַנד גיבן אַכטונג אויף דעם קעסל. אַלע אין בונקער וואַרטן אויף די געקאָכטע קאַרטאָפל און ווען די צוויי שוועסטער באַווייזן זיך אין קעלער מיטן קעסל עסן, וואָס איז נאָך האַלב־רוי, באַפאַלט מען זיי און כּהרף־עין, ווערט עס צעכאַפּט מיט די הענט. מיר באַשטימען אָפּצוקאָכן נאָך אַ קעסל עסן און שנעל ווערט עס צוגעגרייט. וואַרטנדיק אַ לענגערע צייט און זעענ־דיק, אַז די שוועסער קומען נישט אַראָפּ, גייען מיר אַרויס זען, וואָס איז די סיבה דערפון. מיר באַגעגענען אַ שרעקלעך בילד: דער סופיט פון דעם הייזל האָט זיך איינגעבראָכן און פאַרשאָטן די צוויי פרויען. אויף שנעל גראָבן מיר זיי ארויס פון דעם בארג שטיינער און ליים. זיי זיינען אין גאנצן צעקוועטשט. מען קאָן זיי נישט ראַטעווען און טאַקע באַלד זיינען זיי אויסגעגאַנגען. מיר לאָזן זיי ליגן אויף אַ טיר און גייען פאַרצווייפלטע צוריק אַראָפּ אין דעם בונקער. די נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג — די קאַשמאַרפולע בילדער פון דעם היינטיקן טאָג, האָבן מיך פאַרפאָלגט און נישט געגעבן קיין מינוט רו.

דער 11טער טאָג. באַלד אין דערפרי פילן מיר ווי עפּעס שטיקט אונדז. מיר שפּירן גאַז. צום אָנהויב מיינען מיר, אַז אפשר האָט ביי אונדז אין בונקער געפּלאַצט אַ רער, אָבער באַלד ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז דאָס האָבן די דייטשן אַריינגעלאָזט גאַז. אונדזער בונקער איז אַנטדעקט. צי האָט עס עמי־צער פון די פרעמדע, וועלכע זיינען דאָ געווען און פאַרשוואונדן, אַרויסגעגעבן, צי זיינען די דייטשן אַליין געפאַלן אויף אונדזערע שפּורן, דאָס בלייבט פאַר אונדז נישט אויפגעקלערט.

דער גאַז הויבט אָן צו שטיקן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מען הויבט אָן צו הוסטן. די קינדער וויינען, מען וואַרפט זיך אין וואַסער. די פּאַניק, געוויין און הילפס־רופן שניידן אַדורך די פינצטערניש פון דעם בונקער. מען האַקט אויס די קליינע פענצטערלעך, וועלכע גייען אַרויס אויף ניזקע גאַס. איך ליג ביי אַזאַ פענצטערל צוזאַמען מיט פרוי לויפער און איר קינד. איך

האָב ביי זיך אַ פלאַש וואַסער, טונק איך איין אַ טיכל און לייג צו צום פּנים און גראַב זיך איין אין דעם קוילן־שטויב, וואָס איז דערנעבן.די דייטשן הויבן אָן אַריינצוואַרפן האַנט־גראַנאַטן אין בונקער. עס זיינען דאָ טויטע און פאַר־ווונדעטע; פון אַלע ווינקעלעך טראָגן זיך מוראדיקע געשרייען און הילפס־רופן. מענטשן שפּרינגען אין די וואַסער־ברונעמער, כדי זיך דאָרטן צו ראַ־טעווען פון דעם גאַז און פון די גראַנאַטן. דורכן פענצטערל שרייען די דייטשן: יודען ראוס, יודען ראוס! די פרוי לויפער מיט איר קינד קריכן אַרויס, אויך אַנדערע טוען דאָס זעלבע. פיל רירן זיך נישט פון אָרט. זיי ווילן בעסער אומ־קומען אין בונקער און נישט אַרויס צו די דייטשן. פון דרויסן דערטראָגט זיך צו מיר פאַרצווייפלטע רופן פון פרוי לויפער: גורא קומט אַרויס, גורא קומט אַרויס! איך קאָן נישט אויסהאַלטן די דאָזיקע רופן און איך קריך אַרויס. דורכן פענצטערל אין דרויסן. דער גאַז שטיקט מיך נאָך אַלץ און מיט שוועריקייטן קאָן איך אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

די גאַסן, דורך וועלכע מען פירט אונדז, זעען אויס ווי אַ שלאַכט־פעלד; פול מיט עס־עס, זשאַנדאַרמעריע, געסטאַפּאָ, אוקראַינער, לאַטישן. אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין פלאַמען און רויך. גאַנצע גאַסן, דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל איז איין קנויל פון פייער. פאַר אַזאַ בילד וואָלט זיך דער טייוול אַליין דערשראָקן און אַנטלאָפן. אויף די גאַסן זעט מען נאָר פירן גרופּן יידן. שוואַרץ, פאַרברענט, אָפּגעריסן, האַלב־נאַקעט, פירט מען זיי צום אומשלאַג־פּלאַץ אויף סטאַווקי.

מיר גייען אַדורך 3 טויערן, באַוואַכטע פון זשאַנדאַרמעריע און מיר געפי־נען זיך אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. אויפן פּלאַץ און אין די שפּיטאָל־צימערן גע־פינען זיך איצט אַרום אַ 6.000—7.000 מענטשן. מען קוועטשט אונדז אַריין אין אַ צימער, ווו עס איז שוין נישט פאַראַן קיין אָרט אפילו צום שטיין. אונדז מאַטערט נאָך אַלץ דער געדאַנק אויף וואָס פאַר אַן אופן די דייטשן זיינען גע־פאַלן אויף די שפּורן פון אונדזער בונקער. טייל פון אונדז רוקן אַרויס די השערה, וועלכע לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס איז געשען צוליב אונדזער אייגענער אומפּאַרזיכטיקייט, מיט דעם וואָס מיר האָבן די צוויי דערהרגעטע שוועסטער געלאָזט ליגן אויבן. נאָכן פאַרברענען אונדזער הויז זיינען די דייטשן געקומען קאָנטראָלירן דעם הויף און זוכן ווו עס האָבן זיך אַהינגעטאָן די מענטשן פון דאַנען. אָנשטויסנדיק זיך אויף די צוויי דערהרגעטע פרויען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אונטער די שטיינער געפינען זיך מענטשן און דע־מאָלט האָבן זיי זיך באַנוצט מיט גאַז אויף אַרויסצוקריגן אונדז און אַרויס־טרייבן אויף דער גאַס. אגב, האָבן דאָך די דייטשן גענוי געוווסט וועגן אַלע

איינוווינער פון געטאָ. די שפּעטער האָבן דאָך געהאַט ליסטעס פון די געטאָ־איינוווינער, וועלכע זיי האָבן איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ. געוווּסט האָבן זיי אויך פון די אַזוי גערופענע „ווילדע", ד. ה. די, וואָס האָבן אין ערגעץ נישט געאַרבעט און האָבן די גאַנצע צייט זיך אויסבאַהאַלטן. אָבער וואָס איז דער אונטערשיד אויף וואָס פאַר אַן אופן די דייטשן האָבן אונדז אויסגעפונען, זיך אַרויסצודרייען פון זייערע הענט איז געווען אוממעגלעך.

יעדע פּאָר מינוט ווערן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ געבערענגט קלענערע און גרעסערע גרופּן יידן: מענער, פרויען און קינדער. האַלב־וואַנזיניקע, איינגאַנצן געריררטע פון זינען. די וואָס גייען אַרויס אָדער מען שלעפּט זיי אַרויס פון די בנקערס ווערן נישט דערשאָסן, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי באַגראָבן.. זיי זיינען באַשטימט פאַר טרעמבלינקע און מיידאַנעק, ווי די קרעמאַטאָריעס ברענען און פאַרשלינגען די רעשטלעך פון וואַרשעווער יידנטום, פון גרעסטן אייראָפּעאישן צענטער.

אויפן אומשלאַג־פּלאַץ געפינען זיך איצט אַ צוזאַמענגעפּרעסטע, פאַרצווייפלטע מאַסע, וועלכע איז נישט פעיק צו קלערן און צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט עס קומט פּאַר אַרום. מען הערט נאָר רופן עסן, וואַסער. ווו איז מיין מאַן? מיין קינד און ווידער וואַסער, עסן! משפּחות זיינען געוואָרן צעריסן, מען שטייט צוזאַמענגעפּרעסט, זיך נישט צו קאָנען רירן מיט אַן אבר, שטייענדיק דערליידיקט מען די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. מענטשן געפינען זיך שוין דאָ עטלעכע טעג אָן עסן און טרינקען אין דער פאַרסאַמטער און שטיקענדיקער לופט, עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי מיר האַלטן עס אויס.

אַזוי טראַגיש איז ליקווידירט געוואָרן דער גרעסטער קיבוץ פון גרויסן וואַרשעווער און אייראָפּעאישן יידנטום און אַזוי האָבן מיר געפייערט דעם לעצטן פּסח אויף אייביק אין געטאָ.

איך אַפּעליר צו די אַלע לעבן געבליבענע פון דער לעצטער ליקווידאַציע פון די וואַרשעווער פינף־און פערציק טויזנט יידן אין געטאָ און האָבן מיטגעמאַכט דעם קאָשמאַרן חורבן אין די באַנקערס פון ערב פּסח ביז דעם דריטן מאַי און מען האָט אונדז אוועק געפירט נאָך טרעמבלינקע אָדער מיידאַנעק. און די אַלע אמת ערלעכע דאַרפן זיך ניט שעמען פאַר די גרויסע העלדן, היסטאָריקער, פּראָפעסאָרן, גרויסע שרייבער וואָס זוכן נאָר די העלדן פון אונדז און קענען נישט פאַרשטיין, ווייל זיי זיינען דאָרט נישט געווען. איר דאַרפט אָפן און ערלעך ענטפערן אַז מיר זיינען קיין העלדן נישט געווען און נישט געקענט זיין. דעם טיטל האָבן די דייטשן געהאַלטן פעסט און שטאַרק אין זייערע הענד.

פאראייניקט זיך ניט מיט די שווינדלער וואָס דערציילן אז די אלע יידן זיינען געגאנגען ווי די שעפסן און ניט געוואָלט פירן קיין קאמף מיט די דייטשן, האָבן זיי אליין זיך גענומען צום געווער און געוואָלט רעטן דעם כבוד פון יידישן פאָלק דאָס איז געווען דער ציל.

איך זאָג הונדערט פראָצענט, אז די אלע העלדן זיינען ניט געווען אין דער צייט אין געטאָ און מורה געהאט זייערע קעפ ארויסצושטעלן. פאר די שמאלצווניקעס און סטאם פעבעל פּאָליאקן וואָס האָבן געלויערט אויף זייערע קעפּ און לעבן.

כדי צו באַרעכטיקן דעם געמיינעם יידן מאָרד, פאַרשפּרייטן די דייטשן באַריכטן אַז די יידן אין געטאָ מאַכן רעוואָלוציעס, אויפשטאַנד מיט געווער, מוזן זיי די נעסטן פּאַרניכטן, און דאָס איז געווען דערפאַרוואָס, און אַזוי זיך געשאַפן דעם אַליבי פאַר זייער היסטאָריע אין דער צוקונפט.

קיין פאָלק פון די אָקופּירטע לענדער האָבן נישט געפירט און נישט געקענט פירן מיט די באַנדעס קיין אויפשטאַנד, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געהאַט בעסערע באַדינגונגען, נישט געווען באַדראָט פון קיינעם. מיר אידן האָבן די מעגלעכקייטן נישט געהאַט, באַדראָט געווען פון אַלע זייטן.

גאנץ געגנוי ווי ביי יעדן יום־טוב זיינען געוואָרן אויסגעפירט פערשידענע גזרות. די שרעקלעכע גזרה צו ליקווידירן די רעשטלעך נאָך איבערגעבלי־בענע 45 טויזנט יידן פון ווארשע.

דער צווייטער טייל וואָס וועט זיך אין קורצן באַווייזן, וועט איבערגעבן דאָס שרעקלעכע לעבן פון דעם לאַגער מיידאַנעק און מיט זיינע גרוילעכקייטן און די באַדייטונג פון דעם לאַגער.

אַפּיל צו די היסטאָריקער, פילאָזאָפן, שרייבער

אָפענער בריוו צו דער אידישער פרעסע און צו די וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם חורבן פּראָבלעם אין דער וועלט. פון די זעקס מיליאָן אומשולדיקע קרבנות, שטעל איך פעסט און באַשטעטיק, מיט מיין גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ערלעכקייט אינמיינע שטאַרקע פאַקטן, וואו איך האָב אַליין דעם גאַנצן טרויעריקן חורבן מיטגעמאַכט דריי און אַ האַלב יאָר, וואַרשעווער געטאָ, פון זיין ענטשטייאונג ביז זיין גענצלעכער פאַרניכטונג. שפּעטער אין פאַרשידענע טויטן־לאַגערס ווי — מיידאַנעק, בירקענאו, אוישוויץ, גלייוויץ, בוכענוואַלד, צוויי בערגער, און נאָך לאַגערס, ווי פאָרט בעמא, נישט נאָר מיטגעמאַכט, נאָר ריכטיק געמאַכט מיר — אַלץ צו וויסן, שטעל איך פעסט: עס איז קיין אויפשטאַנד געווען, און קיין מינדסטע סאַבאָטאַזשן קעגן די מערדער, אין קיין שטאָט, שטעטל, דאָרף אָדער לאגער — נישט געווען און נישט געקענט זיין. — דער איינציקער פלאַץ אין קרעמאַטאָריום אין בירקענאו, וואו די זאָנדער קאָמאַנדע־גרופּע, די וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די שוידערלעכע, געצוואונגענע און געפערלעכע אַרבעט, נאָכן פאַרגאַזן די קרבנות צום פאַרברענען. אָט די גרופּע וואָס האָט גענוי געוואוסט וואָס זיי דערוואַרט, (זייער ליקווידירונג). ווי די מערדער האָבן זיך שטענדיק געפירט מיט די געצוואונגענע, נידערטרעכטיקע אַרבעט פון די זאָנדער קאָמאַנדעס, נאָכן אויספירן אַ פּאָר וואָכן די שוידערלעכקייטן — האָבן געהאַט דעם זלבן סוף און גורל ווי אלע קדושים. אָט די גע׳חסמעטע גרופּע האָט באַשלאָסן פאר יעדן פרייז זיך אַרויסצוקריגן פון דעם פייער, האָבן זיך באַזאָרגט מיט אַביסל דינאַמיט פון די יאָניאן פאַבריק־ווערק, דורך אַ וואַרשעווער מיידל, — איר נאָמען האָב איך געוואוסט, נאָר לײדער פאַרגעסן. זי האָט אין דער פאַבריק געאַרבעט און זי האָט דעם דינאַמיט צוגעשטעלט. לײדער אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי באַצאָלט מיט דעם לעבן דורך הענגען. ווי איך האָב געהערט, האָט זי נאָך פאַר דער עקזעקוציע באַוויזן מיט גרויס העלדישקייט צו דערשיסן דעם עס־עס־מאַן בוימגאַרטן, אָדער באַמגארטן, אַרויסכאַפּנדיק דעם פּיסטאָל פון דעם בלאָק־פירער פאַר די פיל פאַרזאַמלטע, אין די צענער טויזנטער העפטלינגען וואָס האָבן דאָס געזען. דעם העלדישן טאַט האָט די זאָנדער־גרופּע דורכגעפירט.איין אָפּטיילונג פון די טויט־פאַבריקן איז געוואָרן אויפגעריסן און אַ פּאָר עס־עס־מערדער זיינען צעשמעטערט געוואָרן פון אויפרייס אָבער לײדער צום גרויס באַדויערן, איז פון די פאַרצווייפלטע גרויסע העלדן קיין איינציקער פון זיי נישט לעבן געבליבן. די רויבער באַנדעס האָבן באַלד אַרויסגעשיקט הונדערטער שטאַרק באַוואָפנטע עס־עס מיט די מאַ־

טאָרציקלען און מיט וואָלף הינט אין דעם גאַנצן שטח פון לאַגער. צענער קילאָמעטער אַרומגערינגלט און די אומגליקלעכע זיינען אַלע ווי איינער דורך קוילן פון די מערדער אוממעקומען. — דער טרויעריקער שרעקלעכער עפּיזאָד האָט פּאַסירט. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז עס געווען אין אָקטאָבער 1944. די איינציקע גרויסע פּאַסירונג איז מיר גוט באַקאַנט. אָבער ניט מער:

איך שטעל פעסט, שטאַרק פעסט: די אַלע קלאַנגען וואָס איז לײדער שטאַרק צובלאָזן אין די אידישע וועלט און נאָך פון די וואָס דאַרפן די אידישע העלדנטאַטן צו אַ געוויסן שפּיל, איז אַ גרויסער ליגנט. די לעגענדעס (מצד די יידן) אַז יידן האָבן געמאַכט סאַבאָטאַזשן, רעייאָלוצעס, אויפשטענדער, נישט צופּאַסן זיך צו וועלכע אָקופּאַציע פאַראָרדנונגען, אָדער וועלכער ייד אָדער אָנגעזעענע יידן זאָלן שיסן צו דייטשן, איז די גרעסטע פּראָוואָקאַציע: די דייטשן האָבן די לעגענדע בילבולים קעגן די יידן שטאַרק פאַרשפּרייט הן אין די לענדער וואָס זיינען אונטער זייערע אָקופּאַציע געווען, הן נאָך אויסלאַנד דורך די געהיימע דראָטלאָזע ראַדיאָ־כוואַליעס, אַז די וועלט זאָל וויסן פון די גרויסע העלדישקייטן פון די אידן

די אַלע באַשולדיקונגען וועגן סאַבאָטאַזשן, אויפשטאַנדן, רעוואָלוציעס, נישט אויספירן די פאַראָרדנונגען וואָס די מערדער האָבן אַרויסגעגעבן, די פּראָוואָקאַציעס, די קלאַנגען, האָבן די מערדער אַליין פאַרשפּרייט, דאַמיט זיי זאָלן קענען אָפן מאָרדן, און אַזוי אַרום אָפּשרעקן די מאַסן, און אַליין צו זיין באַרעכטיקט פאַר זייערע מאָרדן און שאַפן פאַר זיך אַן אליבי, פאַר דער וועלט און פאַר זייער אייגענער היסטאָריע, די גרויסע שרעק און טעראָר, וואָס דער טייפל אַליין האָט זיך דערשראָקן.

די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן ווי פאַר דעם קלענסטן נישט געשטויגענעם פאַרברעכן וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט — די מערדער, די באַשולדיקטע, האָבן ביז דער לעצטער מינוט פון קיין פּותר־חלום געוואוסט אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט, זיינען נאָך מיטגעשלעפּט געוואָרן הונדערטער מענטשן וואָס זיינען געוואָרן עקזעקוצירט, איז שטענדיק פאַר דעם גרוילעכן אַקט געלייענט געוואָרן קעגן דעם קרבן. מיט גרויס פּאָמפּע און פּראָטאָקאָל, ווי דער קאָמאַנדאַנט אָדער אַנדערע פון זייערע אויטאָריטעטן, האָבן אייגנהענטיק אונטערגעשריבן און האָבן שטענדיק געהאַט דעם פאַר וואָס: אַמיינסטן סאַבאָטאַזש, אונטערגרונט־אַרבעט, מיט די זעלבע מעטאָדן ווען זיי האָבן באַשלאָסן דאָס געטאָ צו ליקווידירן האָבן זיי פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז די יידן האָבן געמאַכט אַ גרויסן אויפשטאַנד אין געטאָ. פון פריער שטאַרק

זיך צוגעגרייט מיט אַ גרויסן געווער זאַפּאַס — אַ גאַנצן אַרסענאַל. מיט הונ־
דערטער טויזנטער צינד־באָמבעס. מאָלאָטאָוו באָמבעס און אַנדער געווער
וואָס די פּאַליאַקן האָבן אַריינגעשמוגלט אין געטאָ, און מיט דער קראַפט האָ־
בען די יידן געמאַכט דעם אויפשטאַנד און פאַרשאַפן די דייטשן גרויסע פאַר־
לוסטן. אָט אַזעלכע נידערטרעכטיקע ידיעות דורך געהיימען ראַדיאָ, דראָטלאָזע
קוואַליעס, כלומרשט פון דער אונטערגרונד, צו דער וועלט געשיקט. אַמייס־
טען געצילט צו גענעראַל שיקאָרסקין קיין לאָנדאָן און די אידן בעטן פאַר־
צווייפלט פון זיי הילף. די געמיינע שפּיל איז אַזוי אָנגעגאַנגען די גאַנצע
צייט פון ליקווידירן דעם געטאָ. און מיר אין געטאָ האָבן נאָר געזען ווי
די מערדער פאַרברענען יעדעס הויז און די גאַנצע באַפעלקערונג ווערט גרופּ־
פּענווייז אַרויסגעפירט, די גאַנצע פינף און פערציק טויזנט אידן צום אומ־
שלאַק־פּלאַץ און פון דאָרט ווערן זיי געפּאַקט אין די וואַגאָנען און אַוועקגע־
שיקט, אַ טייל קיין טרעבלינקע, און אַ טייל נאָך מיידאַנעק, צום פאַרניכטן.
איך מיט מיין גרופּע פון זעקס טויזנט, זיינען געקומען נאָך מיידאַנעק.

אַזוי זיינען די מערדער אָנגעגאַנגען מיט די ראַפינירטע שפּיל די גאַנצע
צייט פון אָפּנאַרן די יידן און אָפּגענאַרט די גאַנצע וועלט. מיט דעם שטענ־
דיקן נידערטרעכטיקן ליגן. די גרויסע אויסזידלונג פון הונדערטער טויזנ־
טער יידן אַז זיי קומען נאָך דעם אָסטן צו אַרבעטן, די קינדער אין קאָלאָ־
ניעס, און די אַלע האָט מען געשיקט אין די קרעמאַטאָריעס צו פאַרברענען.
און די אָפּענע עקזעקוציעס זיינען שטענדיק באַגלייט געוואָרן מיט דעם פאַר
וואָס, סאַבאָטאַזש, אונטערגרונד־אַרבעט.

אין יעדן שטעטל איז געווען אין אַן אַנדער פאָרם, יעדער ס־ד אָדער
ס־א־מאַן, זיי זיינען געווען די קאָמאַנדאַנטן פון די שטעטלעך און דערפער,
פלעגן זיך וועלן אַביסל פריילעך מאַכן, האָבן זיי זיך איינגעלאַדן פריינט,
קאַמעראַדן, פון זייער שניט און געוואָלט זין באַווייזן די גרויסע הערשאַפט
וואָס דער גרויסער היטלער י. ש. האָט זיי געגבן און זיי גרויס געמאַכט,
אַזוי ווי מען באַווייזט זיך מיט אַ שיינעם גאָרטן אָדער אַ פערד, אַזוי פלעגן
זיי זיך ברענגען אַ פּאָר יידן דורך זייערע סאָלדאַטן אוקראַינער, וואָס זיינען
געווען די מאָרד־ אויספירער מיט אַ באַפעל צו ברענגען אַן אָנגעזעענעם
רב, אָדער אַן אָנגעזעענעם אַנדערן ייד, האָט געקענט דער רב שטיין איינ־
געהילט אין טלית און תפילין האָט שוין דער סאָלדאַט אים נישט אָפּגעלאָזט
און די קרבנות האָבן נישט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און דער
מערדערישער קאָמענדאַנט, האָט שוין פון פריער זיין צוגעגרייטן באַשולדי־
קונגס פּראָטאָקאָל געלייענט, אַז דער און דער האָט וואָס פאַרבראָכן, קעגן

געזעץ, איז פאַראורטיילטצום דערשיסן אָדער הענגען, און די איוואַנעס, אוק־ראינער האָבן דעם באַפעל מיט אכזריות אויסגעפירט, און די פּראָטאָקאָלן זיינען געוואָרן אייגנהענטיק, פון די גרויסע אָפיצירן אַלס באַגלויביקטע עדות אונטערגעשריבן, און מיט די זעלבע מעטאָדן און פאַרשידענע פאָרמען לויטן פּלאַץ, אומשטענדן און טיף פון דער באַפעלקערונג. אין איין שטאָט האָט מען באַשולדיקט אַז יידן האָבן געשאָסן פון פענצטער אויף דייטשן, יידן שיסן פון די בתי מדרשים אויף די דייטשן. און מיט די בילבולים און מיט אַזעלכע דאָקומענטן האָבן זיי זיך באַזאָרגט פאַר זייערע אַרכיוון און די גרויסע אליבי, כדי צו באַרעכטיקן זייערע גרויליקע טאַטן. די אַלע קלע־נערע גרויליקע עקזעקוציעס האָבן זיי שטענדיק געזאָרגט און געוואָלט אַז וואָס מער מ(ענטשןזאָלן דאָס זען, און זאָלן אַראָפּנעמען אַ מוסר. אָבער די גאַנץ גרויסע עקזעקוציעס אין די טויזנטער, צענער טויזנטער, אין די גרי־בער דערשיסונגען, אין די גאַז קאַמערן וואו דער אומשולדיקער קרבן האָט פריער געקראָגן אַ שטיק זייף און האַנטוך אין די הענט און דער גרויסער אויפשריפט „זויבער" — ריין איז געזונד, און מיט די זאַכן, האַנטוך און זייף איז מען געוואָרן דערשטיקט און פאַרגאַזט. אָט אַזעלכע דאָקומענטן זיי־נען באַשטימט נישטאָ ביי די דייטשן אין די אַרכיוון. אָבער דער גרויסער דאָקומענט אייגנהענטיק אונטערגעשריבן פון דעם גרויסן גענעראַל ספּראַפּ, ווי ער מעלדעט זיך צום פירער היטלער מיט זיין ראַפּאָרט אַז די שטאַרקע אַרמיי פון די אויפשטענדער אין געטאָ האָבן זיין אַרמיי באַוואָרפן מיט צינד־באָמבעס און קאקטיל מאָלאָטאָוו באָמבעס, און די יידן קריגן געווער פון די פּאַליאַקן און ער בעט הילף פון פירער. נאַטירלעך היטלער באַפעלט זאָפאָרט אַרויסצושיקן דיגרויסע הילף פון סטאַלינגראַד מיט די נייעסטי באָמבאָוו־צעס אין גרויסע טאַנקן מיט דעם באַפעל דעם געטאָ־פעסטונג צו שטורמען און דעם נעסט גענצלעך צו פאַרניכטן. נאַטירלעך דער גרויסער גענעראַל סטראָפּ האָט די גרויסע אָפענסיווע מיט שטורם אָנגעהויבן און מיט די גרוי־סע באָמבעס דעם געטאָ באַוואָרפן. אָבער דער גרויסער געטאָ־קאַמף האָט געדויערט זעקס וואָכן מיט גרויסע פאַרלוסטן וואָס די דייטשן האָבן גע־ליטן.

ווי איך האָב געהערט פון פאַרשידענע קלאַפּערס, רעדנערס, אַז די צאָל פון גע'הרגעטע דייטשן זאָל זיין אין די הויכע הונדערטער. איך קאָן זאָגן, אַז עס איז אַ גרויסער ליגענט. ווען אפילו נאָר איין אייציקער דייטש וואָלט געפאַלן אין געטאָ, וואָלט קיין ייד נישט אַרויס פון געטאָ אַ לעבעדיקער, און איך באַשטימט נישט און נישט די גרויסע העלדן מיט אַ גראַטעוועטער ביקס, און נאָך אַ פאָר העלדן מיט אַ גראַטעוועטן פאַרזשאַווערטן נאַפּאָלעאָן

פיסטאל און דער עיקר — מיט דעם געראַטעוועטן אידישן כבוד וואָס די העלדן האָבן געראַטעוועט און דיאַלע גרויס ווערטפולע אַנטיקן געפינען זיך אין פּוילישן מוזעאום. איך פרעג: פאַר וואָס נישט אין יידישן מוזעאום אין ישראל? איך קען קוים גלויבן צי וועלכער פון די גרויסע העלדן זיינען אין געטאָ געווען און דערציילן אַז זיי האָבן זיך געראַטעוועט דורך קאַנאַלן. די דייטשן האָבן געוואוסט פון די קאַנאַלן באַשטימט בעסער פון יידן. דער שטי־קענדיקער רויך פון די פאַרברענטע הייזער אין דעם קליינעם שטך אין די פילע פעסער שטינקענדיקן בענזין וואָס האָבן די הייזער פריער באַגאָסן צום פאַרברענען, האָבן געשאַפן די גרויסע היץ פון די אַלטע ברענענדיקע הייזער, אַ גיהנום. נישט נאָר אַ מענטש, אפילו אַ טיגער וואָלט קיין מינוט נישט אויסגעהאלטן. די דייטשן האָבן זיך באַהאלטן אין פאַרשיידענע לעכער מיט מאַסקעס. מעגלעך נאָר אין בונקערס. די היסטאָריקער אָדער די קעמ־פער גיבן איבער אַז די קאָמפן האָבן געדויערט און זיך געפירט איבער זעקס וואָכן. אָבער איך ווייס באַשטימט אַז דעם צענטן מאַי זיינען קיין יידן מער נישט געווען אין געטאָ. די אַלע זיינען שוין געווען אין טרעבלינקע אָדער אין מאַידאַנעק געווען פאַרגאַזט און אויך מעגלעך עס האָט זיך נאָך וועלכער געפונען אָבער נישט אין דעם לעגאַלן געטאָ, נאָר אין דער אַנדע־רער זייטגאַס וואָס האָט שוין נישט באַלאַנגט צו קיינעם. די אַזוי גערופע־נעמס קיינעמס, ווו יידן האָבן שוין נישטגעטאָרט וווינען פון פינף חדשים פריער. מעגלעך אַז אַ פּאָר, איך ווייס צי צען יידן האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן פון די אַזוי גערופענע ווילדע.

אָט דעם גרויסן נידערטרעכטיקן ליגן, ווילן זיי נאָך נישט, די דייטשן, גרויסן צעבלאָזן, זיי ווייסן אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע צאָל פון די גע־לייטענע וואָס קען שאָדן. דאָס האַלט זיי נאָך אויף אַביסל. אויף אַ געוויסע צייט. אַביסל שפּעטער ווען די צייט וועט קומען, וועלן זיי דעם נידערטרעכ־טיקן שווינדל גרויס צובלאָזן און פאַרוואַנדלען אין זייער גערעכטיקט און נאָך באַשולדיקן די יידן זייער פאַרלוירענעם קריג. אָבער איך אַ נשמה פון די זעקס מיליאָן קדושים, די וואָס האָבן מיר געגעבן די פילע גרויסע פול־מאַכט זיי צו פאַרטרעטן און מאָנען, אויפווייזן די מערדער, זאָלן זיי נישט מיינען אַז זיי וועט געלונגען דער נידערטרעכטיקער שווינדל. דאָס נאָך וואַרעמע בלוט פון די קדושים וועט נישט רוען, ביז עס וועט נישט זיין באַקאַנט דער וועלט.

עס איז קיין סאַבאָטאַזש — קיין אויפשטאַנד, קיינע אַנדערע געהיימע זאַכן וואָס זאָלן אייך ברענגען שאָדן, געווען מצד די יידן. מיר האָבן גע־

וואוסט וואָס דאָס באַדייט, מיר האָבן אויסגעפירט אַלע אייערע פאַראָרדנונ־גען אַזוי ווי איר אַליין האָט געוואָלט. מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אייך דייטשן מיט די אויסגעשטירעטע טיגער ציין און די גרויסע פיסטאָלן ווי פאַר פייער. דער אשמדה אַליין האָט זיך דרשראָקן און זיך באַהאַלטן. די דייטשן האָבן געזוכט אין וואָס זיך צוטשעפּן, אָבער מיר האָבן זיך געהיטן ווי פאַר פייער. מיר יידן האָבן זיך געהיטן נישט נאָר קעגן דייטשן נאָר אפילו קעגן פּאָליאַקן וואָס זיינען געוואָרן באַפריינדעט מיט דייטשן. מיר האָבן נישט געגעבן אייך די מינדסטע געלעגנהייט צו פּראָוואָקאַציעס. דאָס וואָס איר האָט שטענדיק געזוכט.

מיר האָבן פיל געלערנט און געוואוסט פון קלאַנגען ווי אין פאַרשיי־דענע שטעט זיינען אומשולדיקע אידישע גרויסע פערזענלעכקייטן, רביים, נישט וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר ווען דערמאָרדעט געוואָרן. די מערדער האָבן שוין געוואוסט פאַר וואָס — פאַר נישט געשטויגן און נישט געפלוי־געגע בילבולים, נידערטרעכטיק עקזעקוצירט געוואָרן. אין וואַרשע־פּראַגע — ווי אין אַ רעסטאָראַן אויף די גראָכאָווסקע, זיינען אַ גרופּע מיט זייערע פרויען אָדער מיידלעך, געטרונקען ביער, און אַ דייטשישער פּאַטראָל זשאַנ־דאַרם האָט אַ גלעט געגעבן איינע פון די מיידלעך, און אַ פּאָליאַק האָט זיך דערלויבט מיט װוירדע דאָס מיידל צו פאַרטיידיקן און געקראָגן אין פּיסק אַריין. דער טרויעריקער ספּעקטאַקל האָט געקאָסט הונדערט און פופציק לעבנס, וואָס אויף דעם אַנדערן טאָג זיינען ביי אַ וואַנט דערשאָסן געוואָרן, איבער איין פּאַטש, הונדערט און פופציק מענטשן. דאָס האָט פיל געלערנט.

די דייטשן האָבן גלייך שטאַרק געזאָרגט אַז נאָך דעם אָפּטאָן די שרעק־לעכלעכע מערדערייען וואָס זיינען געווען נויטיק צו זייערע רויבערישע און פּאָליטישע צוועקן, זאָלן זיי נאָך אַרויס אין ווייסע הענטשקעס און נאָך קענען שפּעטער וואַרפן די שולד אויך די אומגעקומענע קרבנות, אויף די יידן.

די דייטשן ביים אָקופּירן אַ שטאָט, אַ שטעטל אָדער אַ דאָרף, אומע־טום ווו עס האָבן זיך נאָר געפונען יידן, האָבן געטאָן אַזוי:

ערשטנס זיינען די ווענט פאַרקלעפּט געוואָרן מיט די גרויסע פּלאַקאַטן און וואָרנונגען און אָנגעזאָגט וואָס מען מעג יאָ טאָן און וואָס מען טאָר נישט טאָן. ביינציק פּראָצענט פון לעבנס־שטייגער איז געווען באַגרענעצט. אַממייסטנס איז געצילט געוואָרן יידן אָפּצושרעקן און צו טעראָריזירן. יע־דער פּאַראַגראַף איז געווען באַגלייט מיט טויט־שטרף פאַר נישט אויספירן

ריכטיק די פאַראָרדנונגען, און יעדער לייענענדיק די פּלאַקאַטן איז געווען טעראָריזירט.

זייער שאַרף איז געוואָרן געוואָרנט קעגן וועלכע עס איז סאַבאָטאַזשן פון יידן קעגן די דייטשן, די יידן זאָלן נישט וואַגן צו פּאַרוועלן זיך אַ שפּיל טאָן קעגן זיי אין סיי וועלכער פאָרם, אַז יידן וועלן קאָלעקטיוו באַשטראָפט ווערן.

אום צו ווייזן אַז די וואָרנונגען זיינען געווען באַרעכטיקט, הויבן זיך באַלד אָן די פאַרשיידענע עקזעקוציעס מיט פאַלשע בילבולים, ווי צום ביישפּיל אַז יידן האָבן געשאָסן פון די פענצטער, פּרובירט פאַר׳סמען דאָס וואַסער, יידן האָבן באַליידיקט אַ דייטש. הייבן זיי אָן שיסן אומשולדיקע מענטשן, אַממייסטן פון די אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן ווי רביים, דאָק־טוירים, אַדוואָקאַטן, ווו מען ברענגט זיי אויף דעם מאַרק און זיי ווייסן ניט פון קיין פּותר חלום צו זאָגן. אָבער די מערדער האָלטן שוין דעם באַשול־דיקונגס־ פּראָטאָקאָל קעגן דעם אומשולדיקן. די טרויעריקע עקזעקוציע ווערט ברוטאַל פאַרענדיקט מיט דעם איבערלייענען, און אַלע מוזן ביי אַ טויטער שטילקייט אויסהערן אַ פּאָר פון זייערע באַגלויביקטע עדות, ווערן די פּראָטאָקאָלן אונטערגע׳חסמעט.

אַזעלכע טרויעריקע אָפענע מערדערייען ווערן דורכגעפירט אויף דעם זעלבן שטייגעראין יעדן שטעטל, שטאָט און דאָרף און די מאָרדן־כוואַליעס חזרן זיך איבער אַלעפּאָר טעג און וואָכן.

קעגן די פּאַליאַקן איז דער טעראָר נישט ווייניקער און נישט קלענער געווען, נאָר אויף אַן אַנדערן שטייגער: דיאינטעליגענץ — ווערט געשלעפּט ביי נאַכט פון די בעטן דאמיט דאָס פּוילישע פאָלק זאָל נישט זען און עס זאָל נישט זיין באַקאַנט דער עפנטלעכקייט. זיי דאַרפן נאָך אין אַ פּאָר טעג שפּעטער באַצאָלן פאַר דעם פאַרברענטן קערפּערס אַש וואָס זיי קריגן אין בלעכענע פּישקעס צוגעשיקט פון די מערדער, און אויף אַזאַ געלט קע־נען זיי זיך ניט אָפּזאָגן.

ווען אַזעלכע אָפענע עקזעקוציעס ווערן דורכגעפירט קעגן יידן, צילן די דייטשן אַז עס זאָל די אַנדערע איינוואוינער, שכנים געפעלן און זיי זאָלן זיין צופרידן. אין גוט ברודערשאַפט ווינקט !מען זיך איבער און מען גיט זיי די פּאַליאַקן צו פאַרשטיין אַז זיי מיינען נאָר די יידן, ניט זיי די פּאַליאַקן, אָבער טראָצדעם שווידערט דאָס אויף יעדן איינעם. די שרעק איז נישט צו באַשרייבן.

ווען מען דערזעט אַדייטש מיט זיין וואָלף־הונט און מיט זיין פּיסטאָל אין דער האַנט, ווערט מען אין גאַנצן פאַרציטערט אין טויט־שרעק.

נאָך יעדער שרעקלעכער עקזעקוציע איז מען שטאַרק צוטרייסלט און מען לעבט ווי אין אַ קאָשמאַר, און מען בעט גאָט עס זאָלנישט אונטער־רוקן א דייטש וועלכן בלבול קעגן די יידן.

געהיימע מאָרדן

אין דערזעלבער צייט ווערן עקזעקוצירט גרעסערע גרופּן, ווו מען פירט זיי אין די פעלדער, וועלדער וואו עס זיינען שוין צוגעגרייט גריבער ווו די קרבנות האָבן מיט אַפּאָר מינוט פריער נישט געוואוסט ווהין זיי קומען און ווערן פאַרניכטעט אין די הונדערטער, און דאָ זיינען קיינע דאָקומענטן נישט דאָ. דאָ ברויכן די מערדער קיינע דאָקומענטן. מיט די זעלבע מעטאָדן ווערן די אכזריותן אומעטום דורכגעפירט.

די אַלע גרויזאַמע געשעענישן די זיינען נאָך פאַר דעם געטאָ, — באַלד אין דער ערשטער צייט פון זייער אָקופּירן פּוילן, אַזוי נאָך די קאָנטראַ־בוציעס, רעקוויזיציעס, און אַנדערע פאַרשיידענע רויבערייען, לעבט מען איבער אין גרויסן טעראָר, דאָס ערשטע יאָר אין שרעק אונטער דער מערדער־הענט.

נאָכן אַביסל כאַפּן דעם אָטעם, ווערט מען ווידער אויפגעציטערט. אַ נייע גזירה: — מען שטופּט די יידן אַריין אין אַ געטאָ. דאָ הויבן זיך ווידער אָן נייע צרות פון אַ שרעקלעכן לעבן. די געטאָס ווערן אָפּגעשלאָסן מיט פאַרשיידענע מעטאָדן אין וואַרשע, מיט אַ מויער אַרומגעצוימט. אין אַנ־דערע שטעט מיט דראָט פאַרצוימונגען. די מערדער לאָזן נישט צו קיין לע־בנסמיטלען. אין געטאָ ווערן אַריינגעשיקט פאַרשיידענע מוסרים וואו יעדעס הויז איז אונטערן קאָנטראָל פון דעם פעבל, יידישע געסטאַפּאָווצעס, און אַנדערע פאַרברעכער וואָס פאַרקויפן זיך צו די דייטשן פאַר אַביסל בעסער לעבן און שטעלן זיך נישט אָפּ אפילו פאַר זייער אייגענער פאַמיליע צו פאַרראַטן.

דאָס זעלבע איז ביי די פּאָליאַקן ווו זיי ווערן באַשטעלט מיט פאַרשי־דענע מוסרים, איבער פינף מיליאָן מוסרים האָבן אַרומגערינגלט די פּאָ־ליאַקן: — פון די פאָלקס־דייטשן, אוקריינער, ווייס־רוסן, און איצט פון די אייגענע פּאָליאַקן וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט צו די דייטשן און האָבן געוואָרט אויפן יידישן רויב.

אין יעדן הויז אין וואַרשע האָבן געוווינט די האַקן־קרייצלער, פאָלקס־דייטשן, און האָבן אַכטונג געגעבן עס זאָל נישט זיין וועלכע גרופּע וואָס זאָל אַרבעטן קעגן די דייטשן.

אפילו צווישן פאַמיליעס ביי די פּאָליאַקן זיינען געווען מחיצות און מחלוקת: דאָס ווייב איז געווען קעגן היטלערן און דער מאַן איז געווען פאַר היטלערן. קינדער זיינען געווען קעגן עלטערן, אַזעלכע וועלכע זיינען געווען אָנגעזאָפּט פון אַנטיסעמיטיזם.

אַזוי די היטלער באַנדעס איז געלונגען צו ברעכן יעדעס פאָלק, יעדן פון די פאַמיליעס און אפילו אייגענע צוהעלפערס, ווי די פאָלקס־דייטשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך איבער דעם רויב פון יידישן פאָלק, ווי די גרויסע יחסנים וואָס זיי האָבן געמיינט אַז די גאַנצע ירושה פון די יידן קומט זיי. און די אוקריינער האָבן געמיינט אַז זיי קומט אַ גרעסערע פּאָרציע ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביי אַ יידיש געוועלב, און די אַלע אַרומרייסענישן האָבן די דייטשן אַליין אָנגערעגט, עס זאָלן זיינוואָס וויניקער געשלאָסענע פריינט צווישן זיך.

אָבער די יידן זיינען געווען אַממייסטנס אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן: ערשטנס פון דייטשן אַליין מיט די פּיסטאָלן אין די הענט, איצט די אַלע אַנגערייצטע פעלקער קעגן אונדז, וואָס מיר האָבן זיך נישט געקענט רירן אויף איין שפּאַן. איצט זיינען שוין קיין קאָנטריבוציעס, רעקוויזיציעס נישט פאַראַן. איצט זיינען די רויבערייען אויף אַנדערע סיסטעמען: די מאָרדן פון פאַרשיידענע פּראָוואָקאַציעס נישט געשטויגענע, אַממייסטן סאַבאָטאַזש.

או זדי אַלע שרעקלעכע ידיעות ווערן געשיקט דורך די דייטשישע געהיימע דראָטלאָזע פאַרבינדונגען, ווו נאָר מעגלעך און איר מאַכט באַקאַנט דער וועלט פון די גרויסע סאַבאָטאַזשן פון די יידן קעגן אייך און איר גיט איבער דער וועלט אַז איר פירט דורך עקזעקוציעס און די אַלע ידיעות שיקט מען אַרויס און מען ברענגט זיי צוריק אין לאַנד און שפּעטער אונטער די פּראָוואָקאַציעס דערשיסט מען הונדערטער אומשולדיקע מענטשן.

מען שיקט אַרויס צום אויסמאָרדן און צום פאַרברענען הונדערטער טויזנטער קרבנות. די ידיעות שיקט איר נישט דורך דער אונטערגרונט, ווי איר האָט זיי גערופן, קיין אויסלאַנד. זיי האָבן נאָר געוואָלט אַז די וועלט זאָל וויסן פון העלדנטאַטן פון יידן און סאַבאָטאַזשניקעס און פון די קאָלעקטיווע קרבנות.

איצט נאָכן אויסרויבן פון די יידן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט. איר

האָט שוין געוואָלט מאַכן וואַרשע יידן־ריין, עס זאָל נישט בלייבן קיין ייד, האָט איר פאַרשפּרייט שאַרף די ידיעות דורך אייערע דראָטלאָזע כוואַליעס אַז די יידן האָבן געמאַכט קעגן די דייטשן אַן אויפשטאַנד מיט צוגעגרייטע, אַליין פאַבריצירטע געווערן, ווי באָמבעס קאַקטעל, מאָלאָטאָוו באָמבעס, און די יידן האָבן גע׳הרגעט דייטשן, אַזוי ווייט נידערטרעכטיק, אַז די יידישע אויפשטענדלער זיינען געווען פיל שטאַרקער פון אייערע און איר האָט נאָך געמוזט זיך צוריקציען פון די געטאָ־פּאָזיציעס, און דער גענעראַל סטראָפּ האָט געמוזט קריגן הילף פון היטלערן אַליין און איר האָט נאָך אומפאַר־שעמט געגעבן ידיעות פון גע׳הרגעטע דייטשן אין געטאָ דורך די יידן הונ־דערטער. איצט ווען איר האָט געקראָגן די גרויסע הילף פון היטלערן, האָט איר אָנגעהויבן די גרויסע אָפענסיווע קעגן די אויפשטענדלער און דעם גאַנצן געטאָ פעסטונג פאַרניכטעט און פאַרברענט.

אָט מיט אַזעלכע נידערטרעכטיקע מיטלען האָט איר זיך באַנוצט און איר האָט באַלד געזאָרגט אַז די אַלע ידיעות זאָלן ווערן באַקאַנט אין לאַנד. אַזוי האָט איר אַליין געשאַפן די לעגענדע „אויפשטאַנד” ון די יידן קעגן אייך, און אַזעלכע פאַלשע דאָקומענטן האָט איר זיך באַזאָרגט און איר האָט שטאַרק געזאָרגט אַז יידן זאָלן קריגן אַזעלכע דאָקומענטן און אַ פּאָר אומ־פאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן זאָלן זיך מעלדן פאַר די אויפשטענדלער מיט קאָמענדאַנטן און אָפיצירן מיט פאַרזשאַווערטע פּיסטאָלן, און רעטער פון יידישן כבוד, און אַ פּאָר נאַרישע שרייבער האָבן די לעגענדע שטאַרק פאַר־שפּרייט מיט דער הילף פון דער יידישער פּרעסע.

די דייטשן מיינען אַז אַלץ איז שוין דערלעדיקט. דער וועלט איז שוין אַלץ באַקאַנט, זיי האָבן שוין דעם טאָטאַל און וועלן שוין ווידער וועלן זיין די קולטור־ און ציוויליזאַציע־פירער פון דערוועלט.

די מערדער, די נאַציס ווערן באַשטראָפט כלומרשט ווען מען קען זיי נאָכווייזן אין זייער שולד, דאָס איז זייער שווער. די טויטע קענען נישט קומען און באַווייזן אַז די האָבן זיי דערמאָרדעט, און דאַרום קריגן זיי פאַר־שיידערע קלענערע שטראָפן, דעם ווידערגוטמאַכונג דורך פאַרשיידענע שטרייטערייען צאָלן זיי. ישראל האָט שוין געקראָגן איר חלק, און וואָס נאָך קען מען פאַרלאַנגען פון אַ פאָלק וואָס זיינען נישט שולדיק, נאָר היטלער מיט זיינע באַנדעס, די נאַציס.

ניין! איר האָט נאָך נישט דערלידיקט, אַפילו אַ טייל קעגן די אומ־שולדיקע קרבנות. דאָס בלוט פון די מתים וואָס איז נאָך וואַרם און עס רופט און שרייט.

איך אַליין אַ נשמה פון דיאומגעקומענע האָב געקראָגן די פולע פול־מאַכט זיי צו פאַרטרעטן און איך מאַך אייך אויפמערקזאַם או זאיר זאָלט וויסן אַז די אַלע שווינדלערישע קלאַנגעןוואָס איר האָט פאַרשפרייטאין דער וועלט, אַז יידן האָבן אייך געמאַכט סאַבאָטאַזשן, אויפשטענדער, איז אַ גרויסע ליגנט. און אויב עס געפינען זיך אַ פּאָר פון די נישט פאַראַנט־וואָרטלעכע נידערטרעכטיקע עלעמענטן וואָס שטעלן זיך פאַר אַלס העלדן, די האָט איר אַליין באַזאָרגט מיט דאָקומענטן, זיי זאָלן זיך אַרויסשטעלן אַלס העלדן קעגן אייך, וואָס איז שקר. אַזעלכע האָט נישט עקזיסטירט קעגן אייך פון קיינעם, קיין מאָל זייט איר זענט געווען מיט אונדז.

איך זאָג דורך מיינע דערפאַרונגען און וואָס איך אַליין ווייס אַז איר האָט געזוכט פון יידן אַזעלכע פּראָוואָקאַציעס, אָבער מיר זיינען געווען זייער פּאָרזיכטיק אייך נישט צו דערצערנען, איר האָט פּראָוואָצירט צו אַזעלכעס, איר זאָלט קענען זיך באַרעכטיקן צו אייערע מאָרדן. איר האָט געשאַפן לע־גענדעס און האָט געמאַכט בילבולים אויף יידן אויף רביים, און אַנדערע באַ־ליבטע יידן אַז זיי האָבן געשאָסן פון די פענצטער, פאַר׳סמט אייך דאָס וואַ־סער און נאָך אַזעלכע נידערטרעכטיקע בילבולים.

מיר האָבן פאַר אייך געציטערט, איר מיט די אויסגעשטשורעטע ציין, שטענדיק מיט די פיסטאָלן, בייטשן, בייזע וואָלף־הינט און קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. ניט נאָר מיר האָבן געציטערט נאָר יעדער מענטש וואָס האָט זיך געפונען אונטער אייער הערשאַפט, אפילו אייערע שטאַרק־פאַרבינדעטע קעמפער, די פאָלקס־דייטשן, אוקריינער, ליטווינער, ווייס־רוסן, אַזוי אויך די פּאָליאקן, האָבן פאַר אייך געציטערט, אַלץ האָט געצי־טערט פאַר די הימלער׳ס באַנדעס.

איר פלעגט אונטערוואַרפן געהרגעטע מענטשן מיט דייטשישע מונ־דורן אין פאַרשיידענע געגנטן, און שפּעטער וואַרפן די שולד אויף דעם אונ־טערגרונד פון דעם צד וועמען איר האָט היינט געדאַרפן, אויף וועלכער נאַ־ציאָן עס איז געווען דער גורל, היינט אויף יידן, מאָרגן אויף פּאָליאקן אאַ״וו אום דורכצופירן די שרעקלעכע קאָלעקטיווע עקזעקוציעס.

די עקזעקוציעס אַליין האָבן שוין פאַראַליזירט יעדן מענטשן און געמאַכט ציטערן אויף שטענדיק, און דאָס איז געווען אייער גאַנצע הויפּט־פּאָליטיק. די יידישע מאָרדן זיינען ביי אייך געווען ספּעציעל פון הויכן קאַליבער.

אַ פּאָליטישע שפּיל

און מיר יידן נאָך דערצו וואָס מיר האָבן פאַר אייך געציטערט מיט די אומגעהויערע שרעק, האָבן מיר נאָך געמוזט ציטערן פאַר די אַלע מיט וועמען מיר האָבן געוואוינט צוזאַמען און דערצו האָט איר זיי נאָך שטאַרק אָנגערייצט אויף אונדז און נאָך גוט באַצאָלט אַט די עלעמענטן זיי זאָלן אונדז דערגיין די יאָרן.

אַט מיט די געמיינע פּרימיטיווע מעטאָדן האָט איר געוואָלט די וועלט געווינען. דאָס איז אייער הויפּט־סוד.

אָבער איך פרעג די פראַגע: — ווי קען אַ פאָלק וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע גרויסע געלערנטע פּאָעטן, מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָרן, פּערזענלעכקייטן און זיך איינגעבילדעט צו זיין די ?קולטור און ציוויליזאַציע־טרעגערפון אייראָפּע, זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין געשטאַלטן פון טייוולאָנים מיט די אויסגעשטשירעטע ציין, וואָס וואַרפן אַן אַ' שרעק אויף יעדן מענטשן, און ווערןמענטשן־פרעסער און גאַנץ פרימיטיווע וואַלד־רויבער. דאַצו נאָך נאָכן באַרויבן, דערמאָרדן דעם קרבן, שפּעטער נאָך אַרויסציען דעם גאָלדענעם צאָן פון זיין מויל. ווען דער קרבן האָט נאָך אַביסל געלעבט, האָט איר מיט אייזערנע צוואַנגען די ציין געשלעפּט. אייער ציל איז געווען רויב, רויב און נאָר רויב, וואַלד־רויב, פּרימיטיווער רויב, און איצט איז שוין ביי אייך אין געדאַנק וויטער צו שווינדלען אין אייערע כלומרשטע נאַציציטונגען, ווי די סאָלדאַטן־ציטונג ליארעמט און דינגט זיך אַז די היטלעריסטן האָבן נישט אויסגעמאָרדעט זעקס מיליאָן יידן, נאָר די סאַבאָטאַזשניקעס, אויפשטענדלער, די יידן וואָס זיינען געווען אנשטענדיק, האָט איר געלאָזט לעבן. די קליינע צאָל ווי אין דעם לאַגער טערעזענשטאַט, ווו איר האָט געהאַלטן פּופּציק טויזנט יידן און אַ פּאָר אַלטע קראַנקע און נאָך אַ פּאָר טויזנט יידן אין אַנדערע מקומות, האָט איר שטאַרק געזאָרגט אַז זיי זאָלן בלייבן לעבן. און אויף דעם סמך ווילט איר שאַפן אַ נייע טעאָריע און ווילט אַרויסקומען מיטדי ווייסע הענטשקעס אַז איר זענט גאָט די נשמה שולדיק.

איר וועט זידבאַשטימט וועלן באַנוצן אַז גאָר פּאַרקערט, אַז איר האָט נאָך גרויס געזאָרגט פאַר די יידן, איר האָט זיי געגעבן אייגענע זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט אייגענער פּאָליציי, געטאָס געשאַפן, שאַפס צו אַרבעטן, נאָר די יידן האָבן זיך נישט געקענט אויף די טובות און נאָך געמאַכט אויפשטאַנדן, סאַבאָטאַזשן, געהרגעט דייטשן. די אַלע שווינדלערישע לעגענדעס

וועלן אייך ניטש געלינגען. עס זיינען נאָך פֿאַראַן לעבעדיקע מענטשן וואָס וויסן פֿון אַלעס.

איך באַשולדיק נישט דאָס גאַנצע דייטשישע פֿאָלק אין אַנטייל נעמען אין אַלע רויבער־מערדערייען. אָבער דאָס פֿאָלק טראָגט די גרויסע פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, הונדערט פּראָצענט פֿאַר יעדע קלייניקייט וואָס די היט־לער־באַנדעס האָבן געטאָן! קעגן אַן אומשולדיק פֿאָלק.

ווען היטלער מיט זיינע באַנדעס האָבן זיך באַוויזן, האָבן זיי באַלד גע־ליאַרעמט אָפֿן מאָרד און רויב פֿון יידישן פֿאָלק און איר דייטשן האָט גאַנץ גוט געקענט אייערע יידן אין דייטשלאַנד, אַז זיי האָבן זיך נישט פֿאַרדינט אָט די שרעקלעכע באַהאַנדלונג פֿון אייך. און איר, נישט קוקנדיק, האָט עס געוויילט, איר האָט פֿאַר אים געגעבן אייער צושטים.

ווען היטלער וואָלט געזיגט, וואָלט איר, אַלע דייטשן, גרויס געגאָסן, איר אַלע וואָלט אָפּגעלעקט אַביסל פֿון די יידישע גאָלדענע ציין. מוזט איר איצט טראָגן אייערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן הונדערט פּראָצענט קעגן די אומשולדיקע יידן.

נישט מיט אַ פּאָר מאָרק וואָס איר וואַרפֿט צו די קראַנקע לעבנגע־בליבענע מאַרטירער און נאָך מיט פֿאַרשיידענע שלעפּעמישן און שוועריקייטן צאָלט איר.

צו לייען געלט פֿאַרשיידענע לענדער האָט איר אין אייער קאַסע, אָבער געבן דיגעליטענע קרבנות וואָס אונדז קומט, דאָס נישט. — דאָס איז אונ־דזערס, וואָס איר האָט זעקס יאָר פֿון אונדז גערויבט, דאָ זיינען אייערע בודזשעטן איינגעשרומפּן און איר לייגט אָפּ אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.
קיין געלט קען נישט דעקן, גאַנץ דייטשלאַנד קען נישט באַצאָלן פֿאַר דיאומשולדיקע קרבנות, קינדער, זעקס מיליאָן יידן.

מיין אַפּיל צו אייך דייטשן

ווען איר דייטשן טראַכט ווירקלעך אַריינצוטרעטן אין דער קולטורעלער און ציוויליזערטער וועלט, מוזט איר זיך שטאַרק וואַשן אייערע פֿאַרבלוטיק־טע הענט וואָס איר האָט זיך באַשפּריצט ביים רויבן, רויב ביים שלעפּן די ציין פֿון מויל ביי די טויטע יידישע קרבנות, און איר זאָלט שטאַרק תּפֿילה טאָן און שטאַרק איבערבעטן אייערע גרויסע געלערנטע פּאָעטן, מוזיקער און אייערע גרויסע פּערזענלעכקייטן פֿאַר דעם וואָס איר האָט זיי פֿאַרשעמט

אופן, איר זאָלט זיך אַנטשולדיקן פאַר אייערע קינדער, שטאַרק אַנטשולדיקן פאַר אייערע שרעקלעכע טאַטן. און איר זאָלט זיי שטאַרק וואָרענען, זיי זאָלן וואָסאיר זייטגעוואָרן געווייִנלעכע וואַלד־רויבער אויף דעם פרימיטיווסטן זיך נישט לאָזן אויף אַזעלכע שמוציקע וועגן און ווערן מערדער אום זיך די טאַשן אָנצושטאָפּן.

אין דעם לעצטן יאָרהונדערטהאָט איר דייטשן זיך געלאָזט אויף זייער שמוציקע וועגן און יעדעס מאָל בלאַמירט איר זיך, איר אַליין דאַרפט אָט די שמוציקע אַפּעטיטן צוימען.

איר דאַרפט זייער פּאָרזיכטיק זיין מיט אייערע פירער וואָס זאָגן אייך צו די גאָלדענע גליקן, און רעדן אייך איין אַז אייך איז שלעכט און זיי וועלן אייך גוט מאַכן, ווי היטלער האָט אייך איינגערעדט: — גיט אים צען יאָר, וועט איר אייער לאַנד נישט דערקענען, און איר האָט אים געגעבן דאָס לאַנד. וואָס האָט איר צוריקגעקראָגן? אַ צעטרימערט לאַנד, און איר אַליין וועט נאָך פיל פיל יאָרן נישט קענען אייערע בלוטיקע פּנימער ווייזן פאַר דער וועלט.

אויף יעדעס באַווייזן זיך פון די מערדער, מכלומרשט פירער פאַרן דייטשישן פאָלק אויף דעם האָריזאָנט, מיט פאַרשידענע אַגיטאַציעס, דאָס איז קעגן אייך. — זאָלט איר זיי יאָגן מיט אייזנס פון אייך!

די היטלעריסטן נאַרן אָפּ די גאַנצע וועלט מיט פאַרשידענע טריקס און דריידלעך

היטלער האָט נישט בלויז די יידן אָפּגענאַרט, באַרויבט און פאַרניכטעט, זיין מיין איז געווען צו צעטומלען און טעראָריזירן די גאַנצע וועלט; צו פאַרניכטן די אינטעליגענץ און צו פאַרכאַפּן זייערע לענדער דורך זיין הויפּט געווער — אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען אַן אויסגעפּרוווט מיטל און האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין זיין פּראָגראַם.

די היטלעריסטן האָבן אָפּגענאַרט די גרעסטע דיפּלאָמאַטן ווי דעם פּרעזידענט רוזוועלט, טשעמבערליינען און אַנדערע. די היטלער באַנדעס האָבן אַרויסבאַקומען ביליאָנען דאָלאַרן פון די גרעסטע וועלט קאַפּיטאַ־ליסטן מיט דעם טריק, אַז מיט דעם וועלן זיי פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע ביי זיי אין לאַנד און פאַקטיש האָבן זיי מיט דעם אויפגעבויט זייער מעכטיקן קריגס פּאָטענציאַל צו פאַרניכטן די וועלט.

מיט פוילן האָט דייטשלאַנד געשלאָסן נישט אַגרעסיע און עקאָנאָמישע פאַקטן, און געגעבן צו פאַרשטיין די פוילישע דיפּלאָמאַטן אַז דאָס לאַנד דאַרף זיין מאָטאָריזירט און נישט אָפּגעשטאַנען פו זאַנדערע לענדער. פוילן שטימט איין און עס הויבט זיך אָן דער גרויסער אויסטויש. דייטשלאַנד ליפערט קיין פוילן אויטאָס פאַר שפּאָט ביליק און פוילן ליפערט קיין דייטשלאַנד די בעסטע אַגראַר פּראָדוקטן, ווי פלייש, פּוטער, שינקע און אַנד. און פאַר־שטייט זיך אַז אויף גוטע באַדינגונגען פאַר פוילן. דייטשלאַנד שלעפּט אויף אַזאַ אופן אַרויס פון פוילן ריזיקע סכומים שפּייז פּראָדוקטן און פאַר־פּולט מיט דעם אירע מאַגאַזינען, צוגרייטנדיק זיך אויף אַזאַ אופן צום צו־קונפטיקן קריג. וועגן די אויטאָס וועלכע זיי ליפערן פאַר אַ שפּאָט ביליקן פּרייז קיין פוילן, ווייסן זיי גאַנץ גענוי אַז זיי וועלן עס צוריק באַקומען ווען זיי וועלן באַפאַלן און אָקופּירן די פוילישע מלוכה.

מיט די דאָזיקע אָפּמאַכן שטויסן זיי אויך אַרויס פון פוילן אַלע אַנדערע אויטאָ פירמעס פון אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנד. און ווען זיי האָבן שוין געהאַט פול געפּאַקטע מאַגאַזינען מיט די פוילישע פּראָדוקטן, ווערט פוילן פלוצלונג באַפאַלן. די אינטעליגענץ ווערט פאַרניכטעט, דאָס לאַנד פאַרכאַפּט און די אויטאָס האָבן זיי צוריק אין זייערע הענט.

זיי באַקומען נאָך אַריין דעם גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע לענדער אַלס זייערע פריינד דורך דעם גרויסן שווינדל זיי צו געבן יידישע פאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט באַקומען.

דעם גרויסן כיטרע סטאַלין האָבן זיי געפירט אין באָד דורך שליסן מיט אים אַ נישט־אַגרעסיע אָפּמאַך און אַנדערע פּאַקטן. זיי האָבן אים איינגערעדט אַז די פוילישע מזרח געביטן, וואָס איז פאַר רוסלאַנד געווען זייער נויטיק, און אַביסל שפּעטער זיי פלוצים ברוטאַל באַפאַלן און זיך געוואָרפן מיט אַ מעכ־טיקן כוח צו פאַרכאַפּן און באַזעצן רוסלאַנד.

איך אַפּעליר צו די מענטשהייט פון דער וועלט

אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז דער גרעסטער שווינדל אין גרויסער ליגנט. ווען עס האַנדלט זיך ביי רויב, לענדער צו פאַרכאַפּן, פעלקער צו באַזיגן און פאַרשקלאַפן טוען זיי דעם אַנטיסעמיטיזם גרויס נוצן. און די מיינען ניט די יידן נאָר די פעלקער די מוחות צו צימישן. אַזוי האָט דער היטלעריזם דעם אַנטיסעמיטיזם גענוצט איבער דער גאַנצער וועלט. אים שטאַרק פאַרשפּרייט מען זאָל זיך נישט כאַפּן און פאַרשטיין אויף וואָס זיי פאַרנעמען זיך כדי די

גאנצע וועלט צו באזיגן און זייערע פעלקער צו פאשקלאפן. די יידן פון די לענדער פון וואנען דער היטלעריזם איז קעקומען האָבן נישט געגעבן די מינדסטע געלעגנהייט, אז דער אנטיסעמיטיזם זאָל פארנעמען דעם שרעקלעכן האס, פארקערט די יידן, אין די לענדער זיינען געווען גרויסע פאטריאָטן פאר זייער פאָטערלאנד און אָנגעזאפט מיט זייער קולטור און שטענדיק באַקומען מעדאלן פאר זייערע פארדינסטן. די יידן האָבן די מעדאָלן געטראָגן מיט גרויס שטאָלץ. די יידן האָבן געליטן דעם גרעסטן שוידערלעכן גזר און גורל.

דער אנטיסעמיטיזם איז א שווינדל.
דער אנטיסעמיטיזם איז א ליגענט.
דער אנטיסעמיטיזם איז ניט קעגן יידן נאָר קעגן זיי.

מיט וואָס שטעלט זיך פאָר דאָס יידישע פאָלק ?

דאָס יידישע פאָלק איז אקטיוו אויף יעדן געביט.

אין יעדן לאַנד ווו יידן געפינען זיך, איז אַ ברכה.

דאָס יידישע פאָלק שאַפט און בויט.

דאָס יידישע פאָלק איז שאַרף אויסערגעוויינלעך.

נישט דערפאַר ווייל עראיז אַן אַנדערער מענטש, נאָר די צוויי טויזנט יאָר ליידן האָט דאָס פאָלק געשאַרפט זיינע געדאַנקן.

עס איז נישט פאַראַן אַ לאַנד ווו יידן געפינען זיך, אַז דאָס לאַנד זאָל נישט שטיין מיט אַלע פעלקער אין דער וועלט אין פראָגרעס.

דאָס יידישע פאָלק גיט אַרויס אַ סך געלערנטע וויסנשאַפטלער וואָס העלפט שאַפן, בויען אויף אַלע געביטן ווו נאָר זיי געפינען זיך צו ברענגען דעם פראָגרעס.

אַ סך לענדער ווו די פירער זיינען קלוג, געניסן פון יידישן פאָלק אויף יעדן געביט, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל און אין אַלע הינזיכטן.

אין יעדן לאַנד ווו יידן קומען, ברענגען זיי אַריין לעבן, פרייד, ברכה און שפע.

אין א דאָרף ווו אַ ייד לעבט און געפינט זיך, דאָרט פילט מען דאָס באַלד און דאָס דאָרף הייבט אָן אויסזען ווי א שטאָט— פאַרקערט ווי יידן זיינען נישטאָ זעט א שטאָט אויס ווי א דאָרף.

דאָר יידישע פאָלק נעמט אַ גרויסן אַנטייל אין יעדן לאַנד ווו נאָר ער געפינט זיך, ער בויט, שאַפט, ברענגט ליכט, שפע פאַר אַלע מענטשן.

דאָס יידישע פאָלק פאַרלירט נישט קיין צייט אויף נאַרישקייטן נאָר שאַפט און שפרודלט.

דאָס יידישע קינד לערנט שטאַרקער און וויל וויסן שנעלער. נישט דערפאַר ווייל עס איז פעאיקער, נאָר די יידישע צוויי טויזנט יאָר פאַרגאַנגענהייט האָט געלערנט אַז דער ייד מוז זיין אויסערגעוויינלעך.

דער ייד לעבט נישט אויף יענעמס חשבון נאָר פון זיין ערלעכער שווערער אַרבעט. אפילו שונאים קאָנען זיך נישט אָפּזאָגן פון יידישע פעאיקייטן און באַנוצן זיך מיט זיי ווען זיי דאַרפן.

פיל לענדער ברענגען יידן פון אלע עקן וועלט, ווען זיי האָבן שווערע פּראָבלעמען, די יידישע פעאיקייט זאָל זיי ארויסהעלפן.

דאָס יידישע פאָלק גיט ארויס דעם קלענסטע פּראָצענט פאַרברעכער.

פון יידן לערענט מען אסאך, און עס איז דאָ וואָס צו לערנען פון זיי.

דאָס בוך איז אָן באַפּיצונגען.
דאָס בוך איז ווייניקער ליטעראַריש אָבער לייכטער צו פאַרשטיין.
דאָס בוך איז געשריבן מיט טרערן

איך זוך נישט קיין כבוד נאָר מען זאָל נישט פאַרגעסן אין אונדזערע אומשולדיקע קדושים וואָס די מערדער האָבן אומגעבראַכט און אַ פּאַרוואָס.

מיין ציל איז אַרויסצוברענגען דעם ריכטיקן אמת פאַר דער וועלט. די גרויסע וועלט וויסט נאָך נישט דעם ריכטיקן אמת

דער מחבר פון דעם בוך איז אַליין געווען אין וואַרשעווער געטאָ ביז דער לעצטער ליקווידאַציע פון גרעסטן קבוץ פון אייראָפּעאישן יידנטום.

געווען אין נאָך פיל לאַגערן און אַלץ געזען ביז דער זעלבסט פאַר־ניכטונג פון די היטלער באַנדעס ימ״ש.

די פאָלגענדע הויפּט שולדיקע פון דער פאַרניכטונג פון וואַרשעווער יידנטום

פישער, וואַרשעווער קאָמענדאַנט
אויסערוואַלד, געטאָ קאָמענדאַנט
בראַנד
האַן — אויסזידלער אין קרעמאַטאָריום
העפּעלע
קלויסטערמער, געטאָ זשאַנדאַרם, שיסער, שמאָגעל קאָמענדאַנט
פראַנקענשטיין, געטאָ זשאַנדאַרם, שיסער, שמאָגעל קאָמענדאַנט

די רויבער באַנדע, גערויבט מאַשינען און געלט

טעבענס
שולץ
דערינג
האָפּפּמאַן — שאַף געסטאַפּאָ דירעקטאָרן
גרייער
צימערמאַן
און אַנדערע

ד״ר האַגען, געזונדהייטס אמט, דיזענפעקציע דירעקטאָר, רויבער.
קאָנראַד, גערויבט ווערטער־פאַסונג.
היידענרייש, געסטאַפּאָ פירער.
און נאָך אַנדערע.

די מערדערישע היטלעריסטן האָבן אויסגערויבט די יידישע באַפעל־קערונג פון וואַרשע — דעם גרעסטן יידישן האַנדלס צענטער אין פּוילן — אויב נישט אין גאַנץ אייראָפּע.

אויסגערויבט אַלע מאַגאַזינען, ווי: לעדער, מאַנופאַקטור, גאַלאַנטע־ריע, פוטערס און אַנד. באַלד ביי זייער אריינמאַרש קיין וואַרשע האָט די יידישע אָסט־רייכס באַן־קאָמאַנדע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די דייטשן, דאָס אַלץ געפּאַקט אין קאַסטנס, און טאָג נאָך נאַכט זיינען גאַנצע טראַנספּאָרטן מיטן אָנגערויבטן יידישן גוטס, אָפּגעגאַנגען קיין דייטשלאַנד.

די דייטשן האָבן אויסגערויבט אַלע ווערטפולע זאַכן פון די וווי־נונגען, ווי: מעבל, פּיאַנאָס, קונסט־בילדער, טעפּיכער, צירונג, געשיר און אויך דאָס איז געפּאַקט אין קאַסטנס און אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

אויב זיי האָבן געהאַט שוועריקייטן פון אַרויסבאַקומען פון דער יידי־שער באַפעלקערונג די בריליאַנטן, ווייל דאָס לאָזט זיך לייכט פאַרשטעקן, האָבן זיי אויך צו דעם געפינען אַ ראַפינירטן טריק.

אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט ווערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז פאַר טויזנט דאָלאַר וועט מען קענען אַרויספאָרן קיין פּאַלעסטינע. און פאַקטיש באַקומט אַ חשובער רבי און אַ פּאָר חסידים די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן. כלומרשט ווערט אָט דער פאַקט געהאַלטן אין געהיים, אָבער אין דער אמתן באַמיען זיך די דייטשן, אַז וועגן דעם זאָלן וויסן וואָס ברייטערע קרייזן, וועלכע זיי האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט אַריינציען אין זייער ראַפינירטן שווינדל. דער חשובער רבי מיט די חסידים ווערן אַרומגעפירט אין אַ סך גרעסערע שטעט ווי לאָדזש, קראָקאָו, וואַרשע, און עס ווערט שוין באַקאַנט אַז דער רבי איז בשלום אָנגעקומען אין פּאַלעסטינע. באַלד לאָזן זיך אויך אַרויס דייטשע אַגענטן צו די רייכע יידן, אַז פאַר 1.000 דאָלאַר קאָנען זיי אַרויספאָרן קיין פּאַלעסטינע. בלויז אין וואַרשע זיינען געווען ביי אַן 800 קרבנות וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע קליינע קופערטס אויפן באַשטימטן זאַמל פּלאַץ. אָנשטאָט קיין פּאַלעסטינע האָט מען זיי אַלע אַוועק־געפירט אויפן פּאַוויאַק און ביז איינעם דערשאָסן. ביי די דייטשן אין די הענט זיינען געבליבן זייערע קופערטלעך, ווו אין דאָפּעלטע דעקן, אָדער אַנ־דערע שפּאַרעס זיינען געלעגן באַהאַלטן די בריליאַנטן, ווייל די קאַנדידאָטן צום אַרויספאָרן האָבן געהערט צום רייכסטן שיכט פון די געטאָ איינוווינער און ביי זיי האָבן זיך געפינען בריליאַנטן.

דורך אַ צווייטן ראַפינירטן טריק פון אָרגאַניזירן די שאַפּס, איז די

דייטשן געלונגען אויסצורויבן אלע ווערטפולע מאשינען און ארבעט אינ־סטרומענטן, וואָס די יידן האָבן לכתחילה געהאַט באהאלטן און פאַר־שטעקט. די שאפּס, וועלכע האָבן כלומרשט געזאָלט ארבעטן פעלצן פאר דער ווערמאכט האָבן פאקטיש אויסגעארבעט דאמען קליידער, דאמען טאשן, פילצן שיך, ליאלקעס און אנדערע שמאָכטעס פון וואָס די נאציס האָבן זיך אָנגעשטאָפּט די טאַשן מיט שווערע מיליאָנען. דאָס איז געווען דער לוין, וואָס געבעלס האָט זיי צוגעזאָגט פאר ארייננטרעטן אין די נאצישע רייען און העלפן היטלערן קומען צו דער מאכט. אזוי האָבן טעבענס, שולץ, גריינער, צימערמאן און אנדערע נאצישע שאפ־דירעקטאָרן אויסגערויבט די מאשינען און דערנאָך שווערע מיליאָנען פאר ארייננעמען צו דער ארבעט אין זייערע אונטערנעמונגען, וואָס האָט געזאָלט כלומרשט זיין א סגולה קעגן אויסזיד־לונג.

* * *

מען האָט צוגערויבט ביי די יידן זייער פארמעגן דורך די דיזענ־פעקציעס פון דאָקטאָר האַגענס און זייערע מיטהעלפער.

אויסגערויבט דאָס יידישע פארמעגן האָט די ווערטער־פאסונג, וואָס האָט נאָך די אויסזידלונגען געזוכט אין די יידישע הייזער, אין די ווענט און אונטער דער פּאָדלאָגע, די פארבאהאלטענע זאכן, ביי וועלכן דער גע־סטאפּאָ־מאן קאָנראַד איז געווען דער דירעקטאָר.

די אלע רויבערייען זיינען געווען מיט א שמייכל און איצט קומט דער לעצטער רויב, שוין פון די לעצטע יידן, שוין נישט מיט קיין שמייכל נאָר מיט דעם מעסער ווילדן ציין מאָרד, מיט דעם גרעסטן געמיינסטן, ראפּי־נירסטן טריק פון פארשפּרייטן נידערטרעכטיקע קלאנגען, וואָס דערגרייכן צו דער גאנצער וועלט, אז יידן האָבן געמאכט א רעוואָלוציע, אָן אויפשטאנד קעגן די דייטשן אין געטאָ. מיט אָט דער פּראָוואָקאַציע הויבן זיי אָן צו פאַר־ברענען הויז נאָך הויז און דאָס צווינגט די יידן ארויסצוגיין פון די באהעל־טעניש, בונקערס, און אזוי קריגן זיי ארויס די לעצטע 46 טויזנט יידן מיט זייערע פארמעגנס. די אלע ווערן אונטער א שטרענגער וואך אוועקגעפירט פון דער עס־עס אין די פארניכטונגס לאגערן טרעמבלינקע, מיידאנעק וווּ עס שטייען צוגעגרייט גרויסע קאסטנס און יעדער קרבן ווארפט אהין אריין זיין פארמעגן און מאכן רייך דאָס דייטשע רויבער פאָלק.

אָבער דאָס דייטשע פאָלק איז נאָך נישט אָנגעזעטיקט פון דעם רויב און נאָכן פארגאזן דעם קרבן שלעפּט מען נאָך מיט צוואנגען ארויס ביי אים די גאָלדענע אָדער פלאַטינענע ציין, וואָס עס קלויבן זיך אָן גאנצע טאָנען.

מען טרענט די שיך פון די קרבנות און מען זייכט דאָרטן ברילִיאַנטן. מען טרענט די קליידער און מען זוכט אין זיי דאָלאַרן און וואַלוטע.

אזוי טראגיש איז פארענדיקט געוואָרן גויסזאם מיט די וואָרצלען אויסגעראָטן דעם פּאָפּולערן גרעסטן קיבוץ פון אייראָפּעאישן יידנטום פון דער שטאָט ווארשע.

דער סך־הכל

עס איז שוין די העכסטע צייט אז מען זאָל פאַרשטיין, אז קיין לעבע־דיקער וועזן לאָזט זיך נישט שעכטן. אפילו א פייגעלע קעמפט מיט אלע מעגלעכקייטן און לאָזט זיך נישט הרגענען. די דייטשע וועלף־פיראטן האָבן פערציקט פיפציקער מיליאָנען פעלקער, באוואָפנטע מיט די שווערסטע גע־ווערן אין געציילטע טעג מיט זייערע לענדער, בערגער, שטיינער, הארמאטן, טויזנטער טאַנקען, עראָפּלאַנען ווי א הונגעריקער וואָלף שלינגט איין א קליין פייגעלע.

ווען טשוירטשיל האָט געהאַלטן זיין עקספּאָזע ווען ער איז געוואָרן פּרעמיער, זיינען זיינע ערשטע ווערטער געווען מיט לויב פאַר די העלדן פון די דריי הונדערט טויזנדיקער ארמיי וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער שטארק באוואָפנטע, פון קאָפּ ביז די פיס דייטשע וועלף פיראַטן־פיסקעס. גוט זיי האָבן געהאַט ווי צום לויפן — צו זייער לאַנד. און פון אונז יידן זוכט מען העלדן, פון די אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, געבינדענע ארומ־געשטעלטע פון די זעלבע פיראַטן מיט די מעכטיקע געווערן. און נאָך פון די שכינים פיראַטן שונאים, אין איינגעשלאָסענע שטייגן ווי מען קען זיך ניט רירן פון אָרט און נאָך מיט שמייכעלדיקע אָפּנאַרערייען פון די מערדער.

גרויסע פאָרשער, היסטאָריקער, שרייבער וואָס פארנעמען זיך מיט דעם חורבן האָבן געדאָרפן בעסער אבשאצן די אומגליקלעכע יידן און ניט פארוואַרפן מאכן און דערנידערן דעם כבוד פון די קדושים אז זיי זיינען ווי שעפסן געגאַנגען צו דער שחיטה. זיי האָבן אפילו קיין שטעקנס נישט געהאַט צום קאַמף מיט די דייטשן. די אלע שטארקע דאָקומענטן וואָס זיינען פארהאַן, וואָס ווייזן הערָאיזם מצעד די יידן, זיינען שטארק געפעלשטע און שטאמען פון אזעלכע קוואלן וואָס האָבן זיי געדאָרפן פאַר געוויסע צילן.

דער גרויסער יונגער פראצוויזישער שרייבער זשאַן סטיינער, וואָס שעמט זיך צו זיין א ייד פארוואָס די יידן האָבן זיך געלאָזט שעכטן ווי שעפסן. מיר דארפן זיך שעמען אז ער זאָל זיך געפינען אין אונדזערע רייען. און אויב ער וויל שרייבן חורבן געשיכטע מיט דעם אמת זאָל ער זיך ווענדן צו מיר וועט ער קריגן די גאַנצע גענויע אינפאָרמאַציע און ניט פון אנדערע. איך בין אומשטאַנד צו געבן די ריכטיקע ידיעות. די אלע האָבן בלויז ניט געקענט אָפּשאצן די מערדער מיט זייער קראַפט, נאָר צו האָבן תענות צו די צעבראָכענע אויסגעהונגערטע קרבנות.

דאָס בוך ברענגט ארויס דאָס וואָס איז נאָך קיינעם ביז איצט נישט באַקאַנט.

איך אפעליר צו די וואָס גאָט האָט זיי געהאָלפן ארויסצורייסן זיך פון מערדערישע נעגל און זיינען געבליבן לעבן פון די געטאָס, לאגערס — אין וועלכן געטאָ זיי זאָלן נישט האָבן געווען. זייט ערלעך און שרעקט זיך נישט פאר קיינעם און זאָגט אלעמען דעם ריכטיקן אמת. אזויווי עס איז געווען. ענטפערט מיט שטאָלץ. מיר זיינען קיינעם גורנישט שולדיק און מיר דארפן זיך נישט פאראנטפערן פאר פילאָזאָפן, היסטאָריקער, שרייבער מיט העל־דישקייט אויב זיי זוכן אזעלכע האָבן זיי אליין געדאַרפן דאָרט זיין און מיט העלדישקייט זיך באווייזן.

אן ענטפער דער גרויסער באגאבטער שרייבערין אנא ארענדט

וואָס קען זיך נישט שענקען די עוולה וואָס די יידן האָבן געטון צו דעם גרויסן מאָנסטער, מערדער אייכמאן וואָס איז געוואָרן פאראורטיילט פון יידישן געריכט צום טויט און זי וויל פון אים מאכן אן אומשולדיקן קליינעם באאמטן וואָס האָט אויסגעפירט די באפעלן אלס אָפיציר פון דער העכערער מאכט — פארקערט, אָט די אייכמאנס זיינען געווען די פאקטישע באפעל געבער ביי יעדן מאָרד און זיינע צוהעלפער, די פרייוויליקע פון די אָקופירטע געביטן, אוקראינער, ליטווינער לאטישן, עסטאָניער, אונגארן, רומענער, א.א. וואָס האָבן געדינט אין די היטלער רייען, זיינען געווען די מאָרד אויספירער.

אן ענטפער דעם חשובן פראָפעסאָר בעטלעהעם

וואָס ווארפט פאָר די יידן אז זיי האָבן נישט ווירדיק זיך פאַרטיידיקט קעגן די היטלעריסטן און ברענגט ביישפילן די נעגער אין אמעריקע וואָס קעמפן ווירדיק פאר זייער רעכט מיט דעמאָנסטראציעס און פארשידענע אוואנטורעס און די נעגער ציען סימפאטיקער פון א גרויסן טייל פון אמעריקאנער פאָלק פאר זייער רעכט — ענטפער איך אין נאָמען פון די קדושים אז דער פראָפע־סאָר בעטלעהעם האָט געדאַרפן שטארקער ענטוויקלען זיינע פילאָזאָפישע געדאנקען און פארשטיין ניט צו פארגלייכן דעם מערדערישן היטלעריזם מיט דעם דעמאָקראטישן אמעריקאנער פאָלק.

איך איך אפעליר אויך צו די אלע אויפשטענדער און צו די אלע העלדן איר זאָלט זיך מודה זיין און זאָגן חטתי, אז מיר זיינען אין געטאָ אין דער צייט נישט געווען און מיט די מערדער־דייטשן קיין קאמף נישט געפירט און אלעס איז נישט אמת. איר האָט געמיינט גוט צומאכן פארן יידישן פאָלק, אָבער צום באדוירן האָט איר מיט דער באהויפטונג געהאָלפן די מערדער ריינצו־וואשן און געשאפן פאר זיי אן אליבי אין דער היסטאָריע.

אָט די באַווייזן האָבן זיי אין זייערע ארכיוון. נאָך נישט איצט — אָבער שוין נישט לאנג צו ווארטן, וועלן זיי אונדז די אויגן שטעכן מיט די סאבאָ־טאַזשן אויפשטענדער.

די דײַטשן ברענגען אַװעק טראַנספּאָרטן ייִדן פֿון פּױלן קײן מינסק – װײַס-רוסלאַנד צו שיסן אַלע [illegible]
[illegible] די װײַס-רוסישע באַפֿעלקערונג [illegible] אַלע מענטשן און [illegible]



װען די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט מינסק, װײַס-רוסלאַנד, האָבן די װײַס-רוסן [illegible] באַגריסט, אַלע [illegible]
באַפֿעלקערונג [illegible] און [illegible] די [illegible]
[illegible] טראַנספּאָרטן ייִדן פֿון פּױלן, [illegible] און מינסק צו שיסן, ז. [illegible].